ניין, אבער דו ביסט גערעכט אז דו האסט געזאגט אז ער מיינט נישט די נוסח. ער מיינט דאס, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט, איך מיין דער רמב"ם זאגט נישט, אבער די חז"ל מיינען נישט די נוסח, ווייל די נוסח האט ער געזאגט אז די אנשי כנסת הגדולה האבן געמאכט. רייט, רייט, סאו ס'קען זיין אז "תקנה" מיינט... אופן וויאזוי מיר בענטשן, ווייל די עצם בענטשן האט ער געזאגט די מצוה "ואכלת", שוין, עפעס מינוט מער. אזוי ווי ביי דאווענען האט ער געזאגט אז עס דארף זיין באופן הודאה ובקשה למשל, האט משה רבינו יענץ שוין... די תקנה איז נאר וויאזוי צו זאגן די נוסח. לאמיר זען.

## Speaker 1:

ניין, אה, אבער עס שטימט נישט, ווייל אויב משה רבינו מיינט תקנה מאכט דאך נישט קיין סענס, ווייל די אייבערשטער, איך מיין, עס איז דאך א מצוה מן התורה.

## Speaker 2:

ניין, דאס זאג איך, אויב איז דאס תקנה ווען ער האט געזאגט "וברכת את ה' אלקיך", אז די אייבערשטער האט געהייסן, איז עס מצווה געווארן, משה רבינו איז געווען דער איבערגעבער. מ'נעמט אן אז תקנה איז אז ער האט מתקן געווען די אופן וויאזוי מ'זאל עס זאגן. שפעטער האבן די אנשי כנסת הגדולה געמאכט די נוסח.

## Speaker 1:

ניין, איך זאג, ביי תפילה האבן מיר געהאט א מהלך. ביי תפילה האבן מיר געזאגט אז די עצם מצוה איז צו זאגן באופן הודאה ובקשה, אדער צו זאגן שבח הודאה ובקשה. דאס איז געשטאנען אז עס איז נאך פאר די תקנת אנשי כנסת הגדולה. נאר וויאזוי צו מאכן, האט געוועגדעט אין אנשי כנסת הגדולה. סא מ'דארף טראכטן אין וואסערע חלק איז משה רבינו מתקן געווען. לאמיר זען, ס'וועט ווערן קלאר שפעטער.

## Speaker 2:

איך זע נישט אז ס'ווערט קלארער, נישט אין די פרק עט ליעסט. סא ס'מיינט זיכער נישט די עצם מצוה פון "ואכלת", רייט? לכאורה נישט. איך מיין, מ'קען אפשר אזוי טייטשן, אבער דעמאלטס וואלט געווען א חידוש, אז דא איז דא א לשון "משה רבינו תיקן", און ס'מיינט בעצם אז דא איז דא א ברכה, א מצוה.

## Speaker 1:

לכאורה מאכט עס מער סענס צו זאגן אז ער האט עס נאר געזאגט אזוי ווי ער האט געזאגט אז מ'זאל זאגן קריאת שמע. איך וואלט מסתמא געטראכט אז ער האט יא געמאכט די נוסח, ער האט יא געמאכט די נוסח, אבער ס'מיינט נישט אז מ'איז מעכב די נוסח. ס'קען זיין אזוי ווי דו זאגסט, ער האט געמאכט א נוסח, און די אנשי כנסת הגדולה האבן געטוישט די נוסח לפי ענין.

## Speaker 2:

סא וואס דער רמב"ם האט פריער געזאגט אז די נוסח פון אלע ברכות און תפילות האבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען, מיינט ער נישט ברכת המזון?

## Speaker 1:

אפשר די פיינעל נוסח וואס אונז האבן. סא משה רבינו האט עפעס געמאכט. ער האט געזאגט אז מ'זאל זאגן ברכת המזון, און ער האט געזאגט מיט עפעס א נוסח, אבער ס'איז לאו דוקא אז ס'שטייט נישט אין די תורה יענע נוסח.

### דער רמב"ן'ס שיטה

## Speaker 2:

אה, ס'איז זייער גוט. דער רמב"ן זאגט אזוי. דער רמב"ן אין די השגה זאגט אז די לשון ברכת המזון איז נישט מן התורה, און די נביאים האבן מתקן געווען א נוסח מסודר. אה, ער זאגט אויך נישט וואס משה רבינו האט מתקן געווען. דער רמב"ן איז לכאורה מחולק מיט'ן רמב"ם, וואס דער רמב"ם האט געזאגט, פארדעם טראכט איך אז ס'שטימט נישט אזוי גוט, ווייל דער רמב"ן האט געזאגט אז דאס איז די שורש איינלאדענען דעם רמב"ם. אויב איך געדענק ריכטיג, דער רמב"ן האט דאך אויך גערעדט וועגן תפילה.

## Speaker 1:

ניין, איך רעד פון הלל. די מחלוקת איז וועגן הלל. דער רמב"ם האט געזאגט אז ס'קען נישט זיין אז הלל איז מדאורייתא, ווייל הלל שטייט נישט אין תהלים. זאגט דער רמב"ן, וואס הייסט ס'קען נישט זיין? ס'קען דאך זיין אזוי ווי משה רבינו האט געזאגט ברכת המזון, און אזוי ווי ער האט געזאגט אנדערע זאכן וואס ער דערמאנט. וואס האט ער געזאגט? קריאת שמע, תפילה. ס'מיינט נישט אז משה רבינו האט געמאכט די נוסח, ס'מיינט ער האט געזאגט די איידיע. שפעטער, און איך מיין מ'איז יוצא הלל מיט אן אנדערע נוסח מדאורייתא. דוד המלך האט געמאכט די נוסח וואס אונז זאגן.

אבער ס'זעט אויס פון דארט אז דער רמב"ן האלט נישט אזוי. דער רמב"ן פארשטייט אז ווען מ'זאגט "תיקן" מיינט מען געמאכט די נוסח. ווייל נישט שטימט אים נישט די רמב"ם'ס תורה וועגן הלל, וואס ער האט געזאגט אז ס'קען נישט זיין אז ס'איז א מצוה צו זאגן הלל מדאורייתא. סאו, איך ווייס נישט וויאזוי מ'קען פארשטיין. פארשטייסט? סאו דא די רמב"ן'ס שיטה איז אביסל שווער צו פארשטיין וואס איז געווען די לשון פון "תיקן". אלא מאי, מ'מוז זאגן אז משה האט טאקע געמאכט די נוסח. וויאזוי קען זיין אז מ'האט נישט די נוסח?

### ווען האט משה רבינו מתקן געווען ברכת הזן

## Speaker 1:

**משה תיקן להם לישראל ברכת הזן בשעה שירד להם המן**. ס'איז דאך אויך דא וואס ס'איז געזאגט "ואכלת ושבעת וברכת". ווען ס'איז געפאלן מן

האט ער געזאגט פאר די אידן, "לאמיר דאנקען דעם אייבערשטן". אונז האבן נישט די לשון וואס ער האט געזאגט. ס'איז געווען די אנשי כנסת הגדולה האבן אזוי ווי ריקאנסטראקטעד, אזוי ווי די חז"ל האבן די זאך "שכחו וחזרו ויסדום". אבער על כל פנים, "לימדן ברכת הזן" איז מער ווי סתם זאגן "ואכלת ושבעת וברכת". די פשט איז, די אידן, ס'איז געפאלן מן, און ער האט אויסגעלערנט פאר די אידן צו בענטשן. מסתמא האט ער זיי געגעבן עפעס א געוויסע שטיקל נוסח, אדער עפעס האט ער זיי געזאגט.

**Speaker 2:**

לכאורה, פארוואס קען נישט זיין אז טאקע אונזער נוסח איז פון משה רבינו?

**Speaker 1:**

איך געדענק אז ס'איז דא אן אינטערעסאנטע בית יוסף וואס זאגט... אה, יעצט גייסטו שוין מיט די נוסח וואס שטייט אין אונזער סידור. ס'קען זיין א גאר א ברייטע סוגיא, און מ'וועט זען צו דער רמב"ם האט די זעלבע נוסח. איך געדענק אז ס'איז דא א מחלוקת, דאס געדענק איך אבער, אין די בית יוסף, אז אין אונזער נוסח שטייט אין די ספרים נאך די ערשטע ברכה "ככתוב 'פותח את ידך'" אדער "כאמור 'פותח את ידך'". פרעגט די בית יוסף א קשיא, "כאמור"? דאס איז דאך אין תהלים, וואס איז געווען נאך משה רבינו. קען זאגן פותח את ידך, ס'שטייט דאך אין תהלים. סאו, ס'איז דא וואס זאגן א תירוץ אז ס'קען זיין אז ס'איז נישט געווען אזא שפריכווארט פותח את ידך פארדעם, און ס'איז נישט געווען א תהלים מיט דעם ערשטן. אבער פשוט'ע פשט איז נישט קיין גארנישט, ווייל דאס שטיקל האט טאקע משה נישט געזאגט. אבער וויאזוי דער רמב"ם האט געלערנט ווייס איך נישט.

### איז דא א בקשה אין ברכת המזון?

**Speaker 1:**

ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, איך טראכט יעצט, אז אין ברכת המזון דאנקט מען נאר דעם אייבערשטן א גאנצע צייט, אבער ס'איז אויך דא א קליינע בקשה על העתיד, ווייל "יחזיר עבודתו למקומה". מ'דארף קוקן די נוסח. ס'קען זיין, אויב טראכט איך פון דעם, אפשר דאס איז געווען די תקנה. משה האט געהאט די תקנה אז ס'זאל אייביג זיין סיי שבח און סיי בקשה. איז דא א בקשה, אזוי ווי ס'שטייט אין רמב"ם הלכות תפילה. ס'קען זיין אז מ'האט געדארפט אין ברכת המזון אז ס'זאל זיין באופן דאנקען און בעטן. מ'דארף וויסן אויב יענץ איז...

**Speaker 2:**

איך האב א לאנגע נוסח, איך מיין אז דער רמב"ם האט א קורצערע נוסח. מ'דארף קוקן די קומענדיגע נוסח. דער רמב"ם זאגט דאך "יחזיר עבודתו למקומה". ס'איז ווען דו גייסט צו אן עושר און דו זאגסט, "איך האף דו וועסט מיר געבן" – ס'קומט באלד א קאמפיין אין ירחם השם – "איך האף דו וועסט מיר געבן פופציק טויזנט דאלאר". וואס איז דאס, איז דאס א בקשה אדער אזא? עכט מיינסטו צו זאגן פאר דעם עושר, "איך טראסט אז דו גייסט מיר געבן".

### די מעשה פון דער גור אריה

**Speaker 1:**

אקעי, סאו ס'איז זייער אינטערעסאנט. אבער ס'מאכט סענס, ווייל ס'איז זייער שיין די מעשה וואס דער גור אריה פארציילט דא. קודם כל, משה רבינו האט געגעבן פאר אידן צו עסן מן, האט ער געמאכט ברכת המזון. זייער גוט. ווען יהושע האט געגעבן פאר אידן ארץ ישראל, האט ער געזאגט, "מ'גייט ווייטער מיט דעם זעלבן וועג, בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים". זייער גוט. ס'הייסט אז די אבות האבן געמאכט ברכות מיט אידן, מ'האט געדאנקט דעם אייבערשטן צוזאמען מיט די אידן. זייער גוט.

און שלישית, די דריטע ברכה, **תיקן דוד ושלמה בנו**, איז בונה ירושלים. בונה ירושלים איז דאך אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל, און ווייל... אין ארץ ישראל. ס'שטייט אז דוד המלך האט גענומען די ארון צוואנציק נסיונות, און יהושע האט באשטימט די מקום המקדש אין ירושלים, רייט? יהושע האט באשטימט די מקום המקדש אין ירושלים. ס'שטייט אין מדרש, די עיקר מקום המקדש איז געווען אויף די פלאץ פון בויערן די ערשטע מאל. ס'וויזט אז שוין אין צייטן פון דוד און שלמה האבן זיי געבויט די בית המקדש. ס'איז דאך א גאנצע מעשה דארט שטייט, און נאך האט מסתמא שלמה אליין געבעטן די בית המקדש. און שלישית תקנו דוד ושלמה בנו. האסטו ווייטער אז ס'איז נישט פשט אז דוד האט עס ליטעראלי מתקן געווען, ווייל ווי קומט אריין שלמה? אויב דוד איז נאך מלך, איז דוד מלך. אויב שלמה איז מלך, איז שלמה מלך. וואס ס'מיינט, איך ווייס נישט, ס'קען זיין אזא מדרש. איך מיין אז ס'איז אזוי ווי ס'שטייט "אנשי כנסת הגדולה", "בית דינו של שאול", אדער "בית דינו של שם". ס'מיינט אז ס'איז יענע תקופה, ס'איז מרוח הדברים פון יענע תקופה. ס'איז נישט אזוי ספעציפיש. ס'איז מער א מדרש.

### דער פארגלייך צו "על הנסים"

**Speaker 1:**

אזוי ווי ס'איז דערמאנט אין די ראשונים, אשכנז, אז "על הנסים" האט די ישיבה אין נרדעה טאקע געווען. פארוואס? ווייל די ארץ ישראל'דיגע אידן האבן געזען אז אונז דינען נישט די אלע שלוש שמחות קיין קיום, האבן זיי געזאגט א שבח פאר'ן אייבערשטן אז אונז האבן אן אכני קודם משלנו. ס'מיינט נישט דווקא אז זיי האבן געדענקט די נסים, נאר די ישיבה אין נרדעה האט געמאכט די נוסח "על הנסים" לשבחה. אזוי שטייט אין ר' יצחק אייזיק טירנא.

איך זאג אביסל מער. איך זאג אזוי ווי למשל איינער זאגט אז די זאך איז איינע פון די יסודות פון חסידות פון הייליגן בעל שם טוב הקדוש. ס'קען זיין אז ס'איז עפעס וואס קומט פון הונדערט יאר שפעטער, נאר ס'איז סך הכל קומט דאס פון רבי אלימלך. מיר בייסן מדרשוי.

### די רוח הדברים פון דוד ושלמה

**Speaker 1:**

סאו דוד און שלמה האבן געמאכט ירושלים פאר די גרויסע זאך, די בנין בית המקדש, מלכות בית דוד, וואס איז אייביג צוזאמען מיט ירושלים. און די רוח הדברים, איך וויל זאגן, אויב ס'איז נישט ממש אז דוד און שלמה האבן געמאכט די נוסח, די רוח וואס דוד און שלמה האבן אריינגעברענגט ביי אידן, וואס זיי האבן ארויפגעברענגט די חשיבות פון ירושלים, האט גורם געווען די ברכה פון "בונה ירושלים". און די ברכה פון "הטוב והמטיב" האבן חכמי המשנה מתקן געווען.

### הטוב והמטיב – הרוגי ביתר

**Speaker 1:**

ווען האבן חכמי המשנה דאס מתקן געווען? שטייט אין די גמרא, אויך איז דא א יום טוב, **"שלא ניתנו הרוגי ביתר לקבורה"**. נאך חורבן בית המקדש, ווען מ'האט אויסגעהרג'עט די חכמים, אסאך חכמי הגמרא האבן געוואוינט אין שטאט ביתר. און טיטוס איז געווען... ווי איז ער געווען? שפעטער נאך טיטוס, אדריאנוס. וויאזוי האט ער געהייסן? דער רוצח פון רומי? יא, יא, יא. אדריאנוס. און ביתר איז בר כוכבא. בר כוכבא האט געווען דער מלך אין ביתר אין די ימי הספירה. און ווען די הרוגי ביתר זענען געהרג'עט געווארן, ווען מ'האט מטריח געווען זיי צו באגראבן, ס'הייסט מ'איז שוין געווען אביסל מער גרינגער, אדריאנוס רופט מען אים דער מלך, אבער מ'זאגט מיר א טובה אמיטב, ס'איז אינטערעסאנט.

### הלכה א' (המשך): ברכת הטוב והמטיב – אופי און באדייטונג

#### דער רמב"ם'ס ווערטער

די ברכה הרביעית, די ברכה פון "הטוב והמטיב", **חכמי המשנה תקנוה.**

ווען איז דאס טאקע געווען? שטייט אין די גמרא, אויך אין די יארן וואס ירושלים איז נישט געווען געבויט, אבער די הרוגי ביתר זענען געגעבן געווארן לקבורה. נאך חורבן בית המקדש, ווען מ'האט אויסגעהארגעט די חכמים, איז אסאך חכמי הגמרא געווען אין שטאט ביתר. און ווער איז דארט

געווען? שפעטער נאכדעם, וויאזוי האט ער געהייסן? דער רוצח פון די רוימער... אדריאנוס... אגב, די הרוגי ביתר זענען געהארגעט געווארן, און ווען מ'האט מתיר געווען זיי צו באגראבן, שטייט אז מ'איז שוין געווען אביסל מער גרינג. אדריאנוס רופט מען אים, דער מלך. אבער מ'זאגט "הטוב והמטיב".

**דער גלות'דיגער אופי פון הטוב והמטיב**

ס'איז זייער אינטערעסאנט, ס'איז זייער גלות'דיג. די פריערדיגע, איך מיין דוד, איז אט ליעסט א שטיקל גאולה. די ברכה הרביעית איז זייער אזא נעבעכדיגע ברכה. ס'טייטש, אונז האט מען שוין נעבעך געהארגעט, אבער אט ליעסט, מ'האט אביסל רחמנות געהאט אויף די גופים. דעמאלטס דארף מען אויך אזא ברכה, אזוויוי מ'מאכט א ברכה על הרע כשם שמברך על הטוב. דעמאלטס מאכט מען זייער אן אמת. ניין, מ'פרייט זיך אויף די חלק הישועה, אבער ס'איז זייער אזוי באופן... זייער א מינימאליסט. מ'פרייט זיך אט ליעסט אז די גופים האבן נישט מסריח געווען.

**בונה ירושלים לעומת הטוב והמטיב**

בונה ירושלים בעט מען אז מ'זאל האבן א מעידזשער מאלסטאון. לאמיר טראכטן אביסל מער ברייטער. אבער איך טראכט, ס'איז נאך א מעשה. אזוויוי מיר זאגן, ס'איז א זייער שיינע מעשה, ווייל דו געדענקסט למשל, די דריי תפילות האט דער רמב"ם נישט געברענגט. דער רמב"ם האט געברענגט אז ס'איז כנגד קרבנות. ס'ווערט געברענגט אויך אז אברהם, יצחק, יעקב האבן דאס מתקן געווען. איך געדענק נישט. יעקב האט געשלאפן דארט ביינאכט, ער האט זיך געמוטשעט, ער האט געדאווענט מעריב.

די זעלבע זאך, ווען א מענטש בענטשט, איז ברכת המזון נאך מער היסטאריע. ער זאגט, אה, קודם כל זיי האבן צו עסן, דער אייבערשטער האט געגעבן צו עסן פאר די אידן, פאר דעם מן, זיי האבן אויך געהאט ארץ ישראל פון ירושה, און זיי האבן אויך ירושלים פון דוד המלך. און ווייל ווייל איז חורבן, בעט מען בונה ירושלים. ס'איז מסתמא געווען א אנדערע נוסח וואס מיינט דוד, ער האט נישט געזאגט בונה ירושלים, ער האט געזאגט א שבח אז ס'איז דא א בית המקדש. אזוי זאגט דער רמב"ן אין דעם פלאץ. נאכדעם הטוב והמטיב, מיין איך וואלט איך געדארפט טראכטן אז היינט איז טאקע נישט דא ירושלים, אבער ס'איז דא אסאך גוטע זאכן.

**דער אינדיווידואליסטישער כאראקטער פון הטוב והמטיב**

זייער גוט. אין הטוב והמטיב בעט מען פאר נחמה און חיזוק. אין הטוב והמטיב רעדט מען נישט פון א מענטש וואס איז אין א מלוכה, און ס'איז דא א מלך, און ס'איז ממש געוואלדיג. מ'רעדט פון דער אייבערשטער איז זן ומפרנס פאר יעדן צעבראכענעם מענטש. ס'איז דאך אויך אינדיווידואליסטיק, מ'רעדט נישט פון כלל ישראל, אזא בונין ירושלים, אזא... די תפילות זענען טאקע דארט. אבער די ווערטער אין ירושלים זענען נישט אויף... זענען זייער שטארק אויף מיר, אזוי ווי... א כללי'דיגע מיינסטו צו זאגן. יא.

די ערשטע צוויי. "בהרחבתנו ה' אלקינו מארץ מצרים, ופדיתנו מבית עבדים, על בריתך שחתמת בבשרנו, ועל תורתך שלמדתנו, ועל חוקיך שהודעתנו, ועל חיים חן וחסד שחוננתנו, ועל אכילת מזון שאתה זן ומפרנס אותנו תמיד בכל יום ובכל עת ובכל שעה".

אה, דאס איז נאך אין רחם, אנטשולדיגט. איך האב מיך פארמישט מיט... וואס איז דארט די נוסח. אבער אויך מ'בעט פאר נחמה, מ'בעט פאר חיזוק, און וועגן די אייגענע שוועריקייטן. אבער ס'איז ווייטער כללי'דיג.

אין דעם שטימט עס מיט די הריגות בתים, אז ס'איז מער אזוי ווי די "less of the evils". מ'בעט פאר זייער ווייניג זאכן, מ'בעט פאר א ביסל חכמה און חיזוק. מער הודאה, אין אנדערע ווערטער, זאגט אז ס'איז דא אסאך גוטע זאכן. ס'איז דא אסאך גוטע זאכן. ס'איז דאך די סך הכל יום. טאקע, אונז זענען נישט קיין ביש מזל. ווי ער זאגט, די הריגות בתים איז אפשר די גרעסטע דוגמאות. למעשה, ס'איז דא אסאך זאכן וואס גייט אונז גוט, אזוי אויך גייט יעדער... "הוא גמלנו הוא גומלנו הוא יגמלנו לעד". יא, ער גייט אונז אייביג געבן. ס'איז דא אלע מיני גוטע זאכן. "רחמים, חן וחסד ורחמים, הצלחה, ברכה, ישועה, נחמה, פרנסה וכלכלה". יא, ס'איז אלעס אזעלכע אינדיווידואליסטישע זאכן. אז דו האסט געהאט אביסל א בעסערע טאג אין דערהיים, האסטו געהאט אביסל שמחה אין שטוב, האסטו געהאט א פרייליכע מסבה'דיגע טאג, מ'גייט נישט שפעטער, מ'ליגט עס צו תפילות, מ'לייגט עס צו אזא קנייטש, און דעמאלטס איז זיכער די פלאץ.

**תחנונים נאך ברכת המזון**

זייער אינטערעסאנט, דער רמב"ם גייט זאגן, ס'איז דא תחנונים נאך ברכת המזון, יא? אקעי, מיר וועלן נאך קומען צו דעם. שוין, דאס איז חכמי המשנה, רופט עס דער רמב"ם. **חכמי המשנה תיקנו**. ווייל דאס איז געווען בזמן חכמי המשנה טאקע, תנאים. רבי עקיבא, יא, יא.

---

**הלכה א' (המשך): דין פועלים — ארבעטער וואס עסן ביים בעל הבית**

**די תורה איז געגעבן געווארן פאר אלע אידן**

אזוי ווי מיר האבן גערעדט אין הלכות תפילה, אז די תורה איז נישט געגעבן געווארן פאר שיינע אידן אדער פאר כולל יונגעלייט. די תורה איז געגעבן געווארן פאר אלע אידן. און וועגן דעם איז דא סאלושענס. אזוי ווי א מענטש טרעפט זיך אויף א שפיץ פון א בוים, האט מען געמאכט פון אים א ספעציעלע תפילה. אויך ביי ברכת המזון די זעלבע זאך.

**דער רמב"ם'ס ווערטער**

**פועלים שאוכלים מלחם בעל הבית**, ארבעטער וואס ארבעטן ביי די בעל הבית, מ'מוז זאגן נישט א קבלן וואס ארבעט אויף זיין אייגענע פרידאם, ממש א שכיר, א געדינגענער מענטש, **ואכלו פתן**, זיי מאכן א סעודה צו עסן, **אינם מברכין לפניהם**, זיי טארן נישט מאכן א ברכה פארדעם.

דאס איז מיר א גרויסע פלא, ווייל די ברכת המוציא לחם איז דאך א האלבע רגע. דו ווייסט וויפיל א האלבע רגע פון א איד איז ווערד?

**קשיא: וויאזוי קען מען נישט מאכן ברכת המוציא?**

ניין, ס'איז ממש וואונדערליך. די קארגסטע בעל הבית קען איך נישט זען זאל די רגע ווען דו נעמסט ארויס די שטיקל ברויט פון די טעלער און דו מאכסט א ברכה, מ'זאל האבן מיט דיר א טענה. איך האב געהערט א תירוץ אז היינטיגע בעלי בתים זענען נישט מקפיד אויף דעם. אויב ס'שטייט נישט, זאל עס שטיין.

אבער איך מיין אז ס'איז א זייער ערנסטע זאך. איך נעם דאס זייער ערנסט, די זאך וואס דו האסט נארוואס געזאגט, אז דאס איז א איד, דאס איז דאך מדרבנן, יא, ברכה אחרונה איז דאורייתא, אבער דאס איז מדרבנן. די רבנן האבן נישט מתקן געווען פאר איינער וואס האלט אינמיטן ארבעטן אז ער זאל מאכן ברכות. מ'קען זאגן אז אפילו ס'דויערט נישט לאנג די ברכה, אבער ער דארף אריינגיין אין א געוויסע כובד ראש זאנע, אפשר טראכטן צו זיינע הענט זענען ריין. דו קענסט עסן, ווייל דער ארבעטער דארף גארנישט טראכטן, ער געדענקט נאר אז נאכדעם ערגעץ וועט ער דארפן זאגן צוויי ברכות בלבד. ווייל די ברכה אחרונה איז דאך דאורייתא, האבן זיי געזאגט אז די ברכה לפניהם איז נאר מדרבנן.

**צי איז דער דין נוגע היינט?**

ס'איז צוויי זאכן: אונז פירן זיך נישט בוודאי אזוי, איך האב דיר געזאגט, מ'נעמט אן אז בעלי בתים זענען נישט מקפיד. אבער ס'איז צוויי זאכן: סיי אונז ארבעטן נישט גענוג ערנסט, סיי אונז זענען זייער... אויך די צייט האט זיך געטוישט. א מענטש, ווען ער ארבעט צוועלף שעה, איז נישט פשט אז ער ארבעט זעכציג מינוט א שעה. ער רעדט אויפ'ן פאון. א פיזישע ארבעטער, א פועל פון וואס מ'רעדט דא, ניין, דער... און איך מיין אז מ'צייט שיינער, מ'נעמט נישט ברכות גענוג ערנסט. ער מאכט א ברכה, ער נעמט אריין. ניין, אבער די אמת איז, אז מ'טראכט אריין די... לאמיר זען ווייטער.

**שתי ברכות בלבד**

**לפניהם** מאכט מען נישט קיין ברכה, **ולאחר הסעודה מאכט מען צוויי ברכות בלבד.** מ'זאגט נישט אלע פיר, מ'זאגט נאר הזן והארץ, **כדי שלא יבטלנו ממלאכתו בעל הבית.** כדי דער בעל הבית זאל אים נישט מבטל זיין פון זיין מלאכה. אבער איך טראכט אז אונזער נוסח איז אויך א לאנגע נוסח. ס'קען זיין די שתי ברכות איז אויך אביסל לענגער ווי המוציא לחם מן הארץ. אבער... אמת.

וואס איז די ערשטע? זאגט ער, **ברכה ראשונה תקנו**, האבן זיי מתקן געווען **ברכת הזן. שנית**, מאכט מען אזא זאך, בסך הכל ברכת הארץ הייבט אן מיט דאנקען פאר ארץ ישראל, און ס'ענדיגט זיך מיט נודה לך, אבער וואס איז, און כולל, און מען ענדיגט, אנשטאט צו ענדיגן, אנשטאט צו מאכן ברכת הארץ און נאכדעם דארף מען נאך דאך מאכן בונה ירושלים, האבן זיי געמאכט אזוי, בעצם דאס איז דאך שוין בונה ירושלים, אבער ס'איז דאך א גוטע זאך צו דערמאנען בונה ירושלים, זאלסטו אין די ברכת הארץ זאלסטו דערמאנען בונה ירושלים.

**דיסקוסיע: וויאזוי פאסט בונה ירושלים אריין אין ברכת הארץ?**

**Speaker 1:** כולל, איך האב געזאגט, איינער דארף נאר מאכן די ירושלים ברכה, ולזאת איר אים. איך מיין אזוי ר' שלמה האט נישט געטייטשט. איך וואלט געטייטשט אז די פשט איז, בעצם ברכת הארץ און בונה ירושלים איז דאך זייער ענליך. איך מיין אזוי ווי מיר האבן גערעדט פריער, למשל דארפסט געדענקען אלע הלכות אין ברכות גייען זיי געדענקען, זיי האבן געלערנט... הבינו. וואס איז הבינו? הבינו האט דארט שטייט, אנשטאט צו מאכן אן עקסטערע ברוך אתה ה' אויף יעדע איינער פון די צוועלף דרייצן בקשות וואס מען מאכט, קען מען זיי אלע צוזאמען לייגן אין איין ברכה. אבער מען זעט אז אלעמאל איז קצר געווען, און גייט אסאך מאל מיט די לאדזשיק. אז ס'דארף אבער שטימען. מען קען, דארף די תוכן בלייבט, אבער מען לייגט עס אין עקסטערע ברכות. עס איז שענער מאכט עקסטערע ברכות, אבער מען האט נישט קיין צייט, לייגט מען עס אין איין ברכה.

מען דארף נישט פארשטיין וואס בונה ירושלים איז. בונה ירושלים איז לכאורה עפעס וואס איז קאנעקטעד צו ברכת הארץ. וואס האבן זיי געזאגט? אז ס'שלעפט זיך מיט. ס'דארף אזוי, לאמיר זאגן איינמאל דוד און שלמה... לאמיר זאגן, ווען עס איז געווען מלכות יהודה און מלכות ישראל, און א איד מאכט א ברכה אויף ארץ, איז דער וואס איז געווען א גרויסער חסיד פון דוד שלמה, אזוי ווי אלע ערליכע אידן. אבער שולעל צוגעלייגט, אבער ווען איך זאג אזוי הארץ מיין איך ירושלים. ניין, דאס זעט אויך עפעס אזוי, אפילו איז פטור וואלן וואס זאגן, ווער חסרות, זאלסטו געבן א דערמאנען דערמיינסט צו ירושלים? ניין, ניין, איך זאג דיך, איך וואלט א גוטער חסיד פון די שטאט ווען מען איז נישט פטור פון בונה ירושלים. ניין, אבער ס'קען זיין אז די סיבה פארוואס מ'דערמאנט בכלל בונה ירושלים איז ווייל דא זאגסטו ברכת הארץ. אקעי. דו קענסט זאגן אז בונה ירושלים איז עפעס א מין תנאי אין ברכת הארץ, אזוי ווי א קלעריפיקעישאן אפשר פאר ברכת הארץ.

**Speaker 2:** צוויי זאכן, ס'איז צוויי זאכן. מ'קען עס מאכן אויף אן אופן כולל, וויאזוי מאכט מען כפרות? מ'קען מאכן יעדער איינער עקסטערע כפרות, און מ'קען מאכן איין גרויסע כפרה פאר יעדער. מ'האט נישט קיין צייט, מאכט מען אויף איינס א גרויסע. מ'האט צייט, מאכט מען עקסטער.

**ווען פועלים מאכן ארבע ברכות**

די **"והם היו אוכלים משלהם בלבד"**, אויב די פועלים זענען נישט... ס'איז נישט אזוי אז די בעל הבית גיבט זיי אביסל רשות... פארקערט, נישט זיי... אז זיי מאכן אליין זייער סעודה. ניין, ניין, ניין, איך מיין אז דו האסט נישט גוט געלערנט די זעלבע הלכה. זיי ארבעטן, זיי באקומען נישט געהעריג צאלונג. זיי זענען פועלים ארבעטער, זיי באקומען נאר נעבעך באצאלט אביסל עסן. **או שבעל הבית מיסב עמהם**, דאס איז פשט אז ער האט נישט די רשות... דאס מיינט אז די בעל הבית דארף אויך מאכן א ברכת המזון. דאס מיינט ער? אדער אפשר איז ווייל די בעל הבית איז דארט מיט זיי, פשט אז ער איז נישט דער בעל הבית איז נישט מקפיד. קען זיין ביידע. **דעמאלטס מאכן זיי געהעריג...**

אבער ס'געפעלט מיר די **"והם היו אוכלים משלהם בלבד"**, זאגן די חכמים אז אזא רשע בענטש א לאנגע בענטשן. אה, איך האב געוואוסט אז מ'האט געלערנט די זעלבע הלכה אין הלכות תפילה, אז ס'איז דא א חילוק. איך האב געמיינט אז ס'איז דא אזא זאך פאר אן ארימע פועל. אה, ס'איז גארנישט געשען, דו דארפסט נישט ארבעטן, דו ארבעטסט שוין. מ'קען זאגן עפעס אזוי. אונז זענען שוין נישט אונטער די נושא, אונז ארבעטן שוין צופיל סתם אזוי.

אקעי. זאג דא... **איז דעמאלטס מברכין ארבע ברכות כשאר כל אדם**, מאכן זיי פיר ברכות אזוווי יעדער מענטש. זייער גוט. דאס איז די נקודה.

**מוסר השכל: מ'דארף נעמען ברכות מער ערנסט**

דאס איז זייער ריכטיג, און אונז די אלע הלכות זענען נישט נוהג, ווייל אונז, מ'איז חוטף די גאנצע ברכת המזון, ס'איז נישט קיין גרויסע חילוק. חס ושלום. אבער מ'דארף זיך לערנען פון די אלע הלכות צו נעמען אסאך מער ערנסט די אלע זאכן.

איך מיין דו דארפסט זיך דרייען מיט ערליכערע, בעסערע אידן. איך קען נישט קיין אידן וואס כאפן נאכן בענטשן. מ'דאנקט דעם אייבערשטן אויף די ברויט. מענטשן זענען צוגעוואוינט צו די נוסח. איך האב געוואלט זאגן אז מ'דארף כאפן, ווייל ס'איז אסאך צוגעלייגט אין די נוסח, און ס'איז חזר'ט איבער דריי מאל יעדע זאך. פארוואס זאל מען זאגן אזוי לאנג? בקיצור, ביי איינעם איז פונקט אין א גוטע מוט, ער וויל זאגן דריי מאל יעדע זאך. על כל פנים... אויב דו ווילסט ריפלעיסן דעם נוסח, האבן זיי געמאכט א קורצע נוסח. אויב דו ווילסט די קורצע נוסח, קענסטו מיר רופן, איך וועל דיר שיקן די נוסח. איך האב געמאכט גדולי ישראל זאלן עס איבערקוקן, אבער איך נעם נישט קיין אחריות אויף דעם.

**הלכה ב': ברכת הארץ — נוסח, אינהאלט, און באדייטונג**

**דער רמב"ם'ס הלכות ברכת הארץ**

**Speaker 1:** על כל פנים... מען דארף דאך צולייגן לב רחמים. ניין, דאס איז נישט מיט פרשת לב רחמים. מען זעט באלד אן, דער פרשת לב רחמים איז אסאך קורצער. די וואס איז דא נוסחאות אין די סידורים, דאס האט דער דרוקער געשריבן, הייסט נישט דער דרוקער, איך מיין צו זאגן, אסאך שפעטער. די ראשונים האבן אסאך קורצערע נוסחאות.

**Speaker 2:** יא, אבער... ווילאנג דו האסט נישט קיין רעפלעיסמענט, קען מען נישט דאס ווארפן.

**Speaker 1:** איך האב א רעפלעיסמענט, ווייסטו וויפיל א רעפלעיסמענט? אויב דו האסט געמאכט א קורצערע נוסח, קען מען זען. אויב דו ווילסט א קורצערע נוסח, קען מען רופן א חולה משוקע'דיגער. איך האב געמאכט גדולי גדולי ישראל האבן שוין געהייסן. איך נעם נישט צו זיין אין קיין אחריות. אויף דעם נעם איך נישט קיין רעספאנסעבילילטי. קיפ אן סעיאינג וואס שטייט אין דעם בענטשער, עס וועט גארנישט געשען.

**Speaker 2:** ניין, עס וועט געשען יא, ווייל מען ווערט צוגעוואוינט אז בענטשן אין פסח, און מען דארף זאגן פינף הונדערט ווערטער.

**Speaker 1:** דיין סאלושן גייט אוועקנעמען אלע פראבלעמס.

**Speaker 2:** א האפענונג, א האפענונג גייט אלע פראבלעמס.

**Speaker 1:** וואו! נאך מזל אונז האבן דיר. טענקיו. איך גיי בשם דעם מאכן א נייע ברכה. זאג דעם אמת.

**פועלים וואס דארפן מקצר זיין אין ברכת המזון**

**Speaker 1:** עניוועיס, דו זעסט ווען א מענטש ארבעט, אדער ווען מען ארבעט פאר א צווייטן עט ליעסט, דארף מען מקצר זיין אין ברכת המזון.

**דער חזון איש'ס הנהגה — עסן אן א ברכה**

דער הייליגער חזון איש פלעגט אסאך מאל עסן אן א ברכה, ווער ס'ווייסט דעם סיקרעט, ער האט געהאלטן אז ער האט נישט קיין כח צום אינזין האבן א קדושה, האט ער געגעסן אן א ברכה. נאר, אבער ער ווייסט א געוואלדיגע ערנסטקייט, ער האט נישט געטראכט פון אזא אפשן ווי זאגן א ברכה ווען ער איז נישט מכוון.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** דאס איז א זאך. איי, עסן האט א כח המדמה, עסן גיט כח. עסן מוז מען, עס איז נישט קיין שאלה, ער מוז מען עסן, ווען מען איז נישט... א ברכה איז מדרבנן. ווען מען קען נישט, קען מען נישט.

**Speaker 2:** אקעי, יעצט גיב אונז די הלכות ברכה.

**Speaker 1:** אבער עס איז זיכער אז ער האט לכאורה געטרייט צו מאכן די ברכה דאורייתא, אזוי ווי בריך רחמנא דהאי פיתא, האט ער מסתמא עפעס געזאגט, אפשר נישט די ברכה, די שם ומלכות, אפשר מורא געהאט.

**Speaker 2:** אפשר דאס איז נישט נאר וויסן.

**Speaker 1:** ניין, די זאך פון כאילו גזל את הקדוש ברוך הוא, איז לכאורה אן איסור אז עס טוישט זיך. אזוי ווי ער זאגט, איך טאר נישט גיין נעמען, איך בין נישט דא. אז דאס איז ווען מען קען, אז מען קען נישט איז אן אנדערע פאטער.

**Speaker 2:** ווייסט נישט.

**Speaker 1:** עס קען זיין א שווערקייט איז געווען די שם ומלכות. אבער זאגן שכוח, שכוח, שכוח פאר די ברויט.

**Speaker 2:** נישט דאס איז די מעשה.

**Speaker 1:** איך האב אגב, ווער ווייסט אז צו זאגן שכוח איז גרינגער? אמאל, ווייל ווען מ'זאגט יישר כח איז עס א סימבאלישע זאך. ס'מיינט נישט זאגן אז דו האסט מיר ממש יעצט געראטעוועט פון קיין שפחה יאט געווערטאק, קיין איינער וואלט נישט געווען אן דיר. דאס איז טאקע א מדרגה. ס'איז זאגן די ווערטער, אזוי איז דאך עס מורגל. יישר כח באשעפער פאר די ברויט וואס דו האסט מיר געגעבן.

### ברכות במחשבה – דער רמ"א'ס שיטה

**Speaker 2:** אפשר אין די נאמען איז גענוג?

**Speaker 1:** זייער גוט. אפשר אין מחשבה איז גענוג. איך האב געלערנט פריער, אמת, איך האב געזאגט אז דער רמ"א זאגט אז מ'איז יוצא בדיעבד ברכות במחשבה. שולחן ערוך זאגט מפורש אין פרק ק"י, אבער אפשר האט ער יא געזאגט במחשבה בכלל.

**Speaker 2:** מ'זאגט ער האט נישט געזאגט.

**Speaker 1:** איך ווייס נישט.

**Speaker 2:** אקעי, דאס איז מיר נישט נוגע פארוואס ער האט נישט געזאגט.

**Speaker 1:** ס'איז מיר נישט נוגע פארוואס, אבער מ'דארף יא ארויסזאגן די ווערטער פון די ברכות. ס'איז דאך א שאלה. לויט'ן רמ"א, ווען ער האט געשאצט צי ער האט די כח צו זאגן אדער נישט, און ער האט געטראכט די ווארט "ברכה", האט ער שוין יוצא געווען. ער האט געטראכט וועגן ברכה. איך האב געוואלט דאנקען דעם אייבערשטן, און איך האב געזוכט וויאזוי איך האב די כח צו דאס טון.

### דיסקוסיע: טראכטן אין ווערטער קעגן טראכטן אין קאנצעפטן

**Speaker 2:** אקעי, מיר גייען מיר לערנען געוויסע הלכות פון ווי אזוי צו טראכטן.

**Speaker 1:** ס'איז פשט פון דעם אז דער רמ"א זאגט אז מ'קען יוצא זיין אין די קאפ, ער רעדט דאך דוקא צו מענטשן וואס טראכטן אין אותיות. ווייל א מענטש וואס טראכט אין קאנצעפטס אדער אין פיקטשערס, און מ'זאגט אים "דאנק דעם אייבערשטן", וואלט ער געטראכט, "וואו, איך בין אזוי טענקפול." ער וואלט געטראכט פון די ווארט "טענקפול", ער וואלט נישט געטראכט פון "השם, הזן, המלך". ווען דער רמ"א זאגט "כיוון בליבו", רעדט ער פון דער וואס טראכט אין ווערטער. ער דארף טראכטן, נישט דער וואס... אנדערע מענטשן האבן אן אנדערע וועג פון טראכטן. ווען מ'זאגט זיי "טראכט פון א ברכה", וועלן זיי מער טראכטן פון די קאנצעפט, פון דאנקען, יישר כח באשעפער.

**Speaker 2:** מ'דארף מדייק זיין. איך בין נישט זיכער. דו זאגסט, וואס דו זאגסט, דו טראכטסט פון א קאנצעפט, אבער איך האב געהערט ווי דו דיסקרייבסט עס, דו טראכטסט אין אנדערע ווערטער. דו זאגסט דו טראכטסט אן ווערטער.

**Speaker 1:** ניין, אבער איך טראכט נישט אין די ווערטער, איך טראכט אזויווי, אה, וואו, איך האב יעצט א פילינג פון טענקפולנעס.

**Speaker 2:** דו האסט יעצט געזאגט א גאנצע סענטענס, אמת?

**Speaker 1:** יא, ניין, איך האב נישט געזאגט. א פילינג פון זיין טענקפול. פילן די פילינג.

**Speaker 2:** דאס איז בעיסיקלי מכוון בליבו. אויב א מענטש האט דעם מין פילינג פון מכוון בליבו פון "וואו, יישר כח" אדער "טענקפולנעס", איז נישט אוועקצופרעגן די רמ"א. ער איז יוצא געווען לויט'ן רמ"א.

**Speaker 1:** לכאורה נישט, ווייל מ'דארף האבן שם ומלכות.

**Speaker 2:** אבער ווען דער רמ"א זאגט "כיוון בליבו", מיינט ער יא אז א מענטש טראכט.

**Speaker 1:** אן אנדערע זאך איז די לעצטע פרק, די נעקסטע פרק.

**Speaker 2:** יא, דאס איז ברכת הארץ.

**Speaker 1:** דארט זאגט דער רמ"א נישט קיין סאך וועגן... ברכת הזן, וואס דאס איז א קאנפירמט אז דאס איז אן הלכה. דאס שטייט דאס איז אלעס אין גמרא. אויף די ברכה איז דא הלכות. אויף די פריערדיגע ברכה שטייט נישט אין די גמרא קיין הלכות, סאו מיר ווייסן נישט.

### הלכה ג': ברכת הארץ – נוסח און אינהאלט

**Speaker 2:** אקעי. יא.

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם, **ברכת הארץ צריך לומר הודאה בתחילתה ובסופה.** די ברכת הארץ דארף מען דאנקען אויף די ארץ בתחילתה ובסופה, און די חתימת הברכה איז **"על הארץ ועל המזון".** עס הייסט טאקע ברכת הארץ, אבער עס דערמאנט נאכאמאל מזון. טאקע אינטערעסאנט, מ'האט שוין געזאגט "על המזון". די סיבה לשמה התכנסנו, פארוואס מ'איז זיך דא צוזאמגעקומען, איז אויף די מזון. ס'איז דאך א ברכת המזון. לכאורה.

ברכת הארץ איז דאך... ארץ אליין איז דאך טובה ורחבה וואס האט מזון. "על הארץ ועל המזון" קען מען זאגן אזוי "על הארץ ועל המזון שלה". דאס איז די טייטש, יא.

### דער גרויסער קשיא: וואס מיינט ברכת הארץ אין חוץ לארץ?

ס'איז זייער שווער ווען ס'זיצט איינער אין חוץ לארץ און ער האט נישט קיין ארץ, וואס קומט אריין ברכת הארץ? לאמיר זאגן אז ער זאגט ברכת הארץ אז ער האפט אז ס'וועט זיין איין טאג, אבער די ארץ פראדוסט נישט קיין מזון. איך פארשטיי נישט וואס מ'טראכט ווען מ'זאגט ברכת הארץ אין אמעריקע. איך האב נישט קיין אנונג וואס די עולם האט געזען.

איך האב געזען אז די זוהר פרעגט מיין קשיא, און די זוהר זאגט אז מ'מיינט צו זאגן די ארץ העליונה, די שכינה. אקעי, נו פראבלעם. אבער פשוט פשט האט מען נישט פארענטפערט געווארן. מ'דארף זיך גוט טראכטן.

כ'האב געזען אמאל א איד האלטן א סיין מיט אן איזראעלי פלעג אזוי מיט עקס, און ער איז ביי א פראטעסט, און ער דארף זיך זעצן ביי די זייט עפעס עסן און מאכן א ברכת המזון, און ער זאגט "ארץ חמדה טובה ורחבה"... ס'איז אביסל קאנפיוזינג וואס דא גייט פאר. יענער איד האט מער פראבלעמען ווי די קשיא אליין.

**"ארץ חמדה טובה ורחבה" — א חיוב**

**Speaker 2:** אקעי, בכל שלא יאמר... נאך א רמב"ם.

**Speaker 1:** **בכל שלא יאמר "ארץ חמדה טובה ורחבה" בברכת הארץ, לא יצא ידי חובתו.** מ'דארף דערמאנען אז דאס איז אן ארץ חמדה טובה ורחבה. א פעלערדיגע זאך, עס זאל זיין אן אנדערע נוסח. און מסתמא, אזוי זאגט דער ראב"ד נישט בפירוש, אבער דער רדב"ז אויף די זייט און אנדערע ראשונים שטייט בפירוש, אבער דאס מיינט נישט "לא יצא", דאס מיינט צו זאגן אז אונז האבן געזען אפאר אזעלכע זאכן. אלע "לא יצא" זאכן וואס זאגן די ברכת התורה, "לא יצא" צו זאגן "ארץ חמדה טובה ורחבה", ס'איז נישט קיין חיוב צו זאגן.

**Speaker 2:** ניין, ס'איז נישט קיין חיוב צו זאגן "ארץ חמדה טובה ורחבה", דאס מיינט עס.

**Speaker 1:** אבער דאס קען עס מיינען, "לא יצא" דייקא איז ווען אונז זאגן באופן וויאזוי חז"ל האבן אונז געזאגט.

**Speaker 2:** אקעי, קענסטו דאס אונז...

**Speaker 1:** אבער ס'איז טאקע א פלא, פארוואס זאל מען נישט זאגן? אז א צאל ווען ס'איז אין גלות זאל מען עט ליעסט נישט זאגן "טובה ורחבה"?

איך מיין צו זאגן פארקערט, פארקערט, פארקערט. אין גלות דארף מען ערשט זאגן די אלע זאכן, מ'דארף נישט פארגעסן די ארץ ישראל וואס מיר האבן געהאט. מ'זאל נישט זאגן "ארץ העליונה", ניין, נישט "ארץ העליונה" זיכער. די יעניגע "ארץ טובה ורחבה" וואס מ'איז געגאנגען פארשיעבד פון איר, וועט מען מתקן זיין די ברכה. אבער די ארץ וואס איז נזכר דא, וואס מ'גלוסט צו איר, איז "ארץ חמדה טובה ורחבה".

**Speaker 2:** אקעי.

**Speaker 1:** אבער איך מיין צו זאגן אז ווען איך וויל זאגן "לא יצא", מיין איך צו זאגן אז אויב מ'האט נישט געטון אזוי מיינט נישט אז מ'דארף איבערבענטשן. דאס קען מען אים דאנקען אויף די "ארץ חמדה טובה ורחבה".

**ברית ותורה אין ברכת הארץ**

נאך א זאך וואס מ'דארף צולייגן: **"וצריך להזכיר בה ברית ותורה"**. און מ'דארף דערמאנען דאס אז דער אייבערשטער האט א ברית מיט אידן, און ס'מיינט ברית מילה, ווי ס'שטייט אזוי אין אנדערע פלעצער לכאורה. מ'דארף דאנקען דעם אייבערשטן אויף די ברית מילה, א פלא פון א זאך. מ'דארף דערמאנען בעיסיקלי אלע זאכן וואס מאכט אידן, וואס זענען אידישע סימנים לאומים, יא, זאכן מיט וואס אידן זענען מיוחד פון אלע פעלקער. זיי האבן זייער לאנד, זיי האבן אפילו זייער אייגענע גיפט, זיי האבן א ברית מילה. ער לייגט דעם, און ברית דארף מען דערמאנען פאר תורה.

קודם האט דער אייבערשטער געגעבן ברית, ווייל ברית האט ער שוין געגעבן שעה, זאגט דער ראב"ד, אה, און ס'איז נישט קודם אין צייט פון אברהם.

**דרייצן בריתות ביי ברית מילה**

אין פרשת לך לך שטייט דרייצן מאל די ווארט ברית. **"תורה כאילו נכרתו עליה שלוש עשרה בריתות"**, זאגט דער ראב"ד, דרייצן מאל ווי דער אייבערשטער מיט די אידן האבן געשריבן די חורות פון ברית. נישט דרייצן מאל, אגב, דער לשון שטייט דרייצן מאל, און ווען דער צייט ווען דער אייבערשטער האט געמאכט די ברית פאר די תורה אין סוף ספר דברים, שטייט דרייצן מאל די ווארט ברית. זיין ווייל נאך מתן תורה איז געווען א ברית, יא, עס שטייט סוף משפטים, אבער די ווארט שלש עשרה בריתות איז א... איך מיין אז ס'איז א... אז די תורה האט געמיינט שלש עשרה בריתות.

ס'איז זייער אינטערעסאנט, און די זאך איז... היינט רופט מען עס... וויאזוי האט עס געהייסן? די היינטיגע חכמת המקרא האבן א...

**דיגרעסיע: "מילת מנחה" — לייטווארט אין תורה**

לאמיר ענדיגן, דער רמב"ן ברענגט דריי מאל עילה דברה ברית, מלבד הברית אשר כרת יצחק יצחק ומכורה, לאברהם כרת ברית. אינטערעסאנט, "נכרתו לו", זייער אן אינטערעסאנטע לשון, נישט "שנכתב לו".

**Speaker 2:** יא, רייט.

**Speaker 1:** סאו, אין אנדערע ווערטער, וואלט איך געוואלט זאגן אזוי, יעדע מאל ס'שטייט אין די תורה אז די תורה מאכט א ברית... זאגער, דאס וואלט איך געוואלט מסביר זיין, דאס איז א וועג היינט אין די היינטיגע חכמת המקרא הייסט עס, איך געדענק נישט וויאזוי מ'רופט עס, מילת מנחה מיין איך, א לייט ווארט, א ווארט וואס פירט. דו קענסט זען אין געוויסע פרשיות אין די תורה אז די תורה האלט אין איין איבערזאגן א געוויסע ווארט, למשל אין די פרשה פון ברית מילה, און ס'שטייט אויך אין אן אנדערע מדרש, איך געדענק איך, ביי פרשת חוקת שטייט "שבעה כהנים" און זיבן מאל שטייט די ווארט "כהן", און מ'לערנט אפ הלכות פון דעם. אבער ס'איז דא אזא זאך אז ווען ס'שטייט אין א געוויסע פרשה דרייצן מאל א געוויסע ווארט, דארף צו זיין די כוונה. ס'איז א סטייליסטיק, ס'איז א... ווען דו שרייבסט עפעס, אזוויי איינער וואס שרייבט א שיינע פאום, און ער שרייבט הונדערט מאל די מענטש'ס נאמען.

אזוי ווי למשל די ווארט "טוב" באגלייט זייער אסאך די ערשטע פרשה אין די תורה. פונקט אזוי שטייט "וירא כי טוב וירא כי טוב".

**Speaker 2:** שטייט אין זוהר, רייט, דער זוהר רעכנט, יא, ס'איז דא וואס זאגן אז ביי די מנורה שטייט א געוויסע... זיבן מאל "נרות" שטייט, ס'איז דא א חשבון.

**Speaker 1:** יא, דאס איז נישט אויסגעגאנגען פון דעם יעצט.

אבער שטייט זעקס און דרייסיג בריתות, פשט איז אז די תורה וויל אונז עפעס מרמז זיין דארטן. זי וויל מרמז זיין אז ברית איז חשוב פי דרייצן, עפעס אזא זאך. שמואל האט געזאגט אז "מלאה לו שלש עשרה", ער האט געדארפט שטיין זיבן מאל פאר די אכטע טאג.

**Speaker 2:** יא, קוק דא, דו וועסט זען דרייצן מאל, ס'שטייט אפשר אפילו מער מאל, מ'דארף וויסן וויאזוי...

**Speaker 1:** ניין, סארי, ער הייבט אן פאר די מבול.

**"תורה כולה נכרתה על שלש בריתות"**, ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל מ'זאגט זיכער נישט אז ברית איז חשוב'ער ווי תורה.

**Speaker 2:** יא, אין די וועג, ווייל ברית מילה זענען מיר אויך נאר מחויב ווייל ס'שטייט אין די תורה.

**Speaker 1:** לאגיש, אבער אין א געוויסע זין האט ברית מילה א חשיבות פאר די תורה, ס'איז דרייצן מאל חשוב, און כל התורה כולה איז נאר דריי מאל חשוב. ס'איז א מדרש דאס, ס'האט עפעס א מינינג אויף עפעס.

**ברכת הארץ איז א ברכה אויף אידישקייט**

נאר אויף דעם האב איך געטראכט אז מ'לייגט אריין אין ערד, פשט איז אז מ'רעדט דא וועגן זאכן מיט וואס אידן זענען מיוחד. וואס מיינט אז איך בין א איד? איך האב א לאנד? איך האב אן אנדערע גוף? יא, איך האב א חותם, א שטארקע סימבאל.

**Speaker 2:** זייער גוט.

**Speaker 1:** און די תורה. אפשר דאס איז אמת'דיג... און די בחינה איז ברית נאך פרייער.

אפשר דאס איז אמת'דיג א שטיקל תירוץ וואס איך האב געפרעגט וואס טוט מען אין חוץ לארץ. פשט איז אז די ברכת הארץ איז נישט סתם א ברכה, ס'איז מער א ברכה אויף אידישקייט. איך באלאנג דיך פאר ארץ ישראל. ס'איז כמעט אזוויי א ברכת התורה. ס'איז זייער אינטערעסאנט.

**ברכת הארץ — ברית ותורה אין חוץ לארץ**

**Speaker 1:**

ס'איז א מדרש דאס, ס'האט עפעס א מינינג.

ניין, וועגן דעם האב איך געטראכט אז מ'לייגט עס אריין אין ארץ, איז פשט אז מ'רעדט דא וועגן זאכן מיט וואס אידן זענען מיוחד. וואס מיינט אז איך בין א איד? איך האב א לאנד, איך האב אן אנדערע גוף, יא, א חותם, א שטארקע סימבאל. זייער גוט. און די תורה. פון די בחינה איז ברית נאך פריער. אפשר דאס איז טאקע א שטיקל תירוץ צו וואס איך האב געפרעגט, וואס טוט מען אין חוץ לארץ? פשט איז, די ברכת הארץ איז נישט סתם א ברכה, נאר א ברכה אויף אידישקייט. איך באלאנג צו ארץ ישראל. כמעט אזוי ווי ברכת התורה, זייער אינטערעסאנט. כמעט ווי ברכת התורה, מודה אני לפניך ה' אלקי ששמת חלקי...

תורה, און נישט נאר תורה, נאר מער די ברייטערע קאנטעקסט, די ברית, די ארץ ישראל. זייער גוט. ס'קען טאקע אויך זיין אזוי ווי אז מ'האט עס מתקן געווען להזכיר בה, אז וועט מ'האט נישט ארץ, האט מען כאטשיג ברית ותורה. דאס מאכט דיך פאר א איד, וואס האלט דיך פאר א איד. דאס איז א הלכה פון חוץ לארץ, ס'שטייט טאקע אין תלמוד בבלי. האבן זיי עס אריינגעלייגט אין חוץ לארץ? איך ווייס נישט. אין ירושלמי שטייט עס נישט? ניין, ס'שטייט אויך אין ירושלמי, איך זאג נישט. זייער גוט.

זאגט דער רמב"ם, ברכה שלישית, די דריטע ברכה... אבער ער ברענגט, קוק, אבער ס'איז זייער וויכטיג, און דער ירושלמי ברענגט דאך טאקע, קוק, ער ברענגט דא א ירושלמי, ס'שטייט אין ירושלמי, ר' יוסי ברבי בון האט געזאגט, פארוואס דארף מען מסמיך זיין תורה צו ברכת הארץ? אז קיינער זאל נישט זאגן חס ושלום קיין ציונות, וואס מיינט אז ארץ אן תורה איז עפעס ווערד. אזוויי דער זוהר, "יורדי ים באניות", פני מה? נישט ציונות, פני מה? "באו יושבי נחלים". די תורה איז א תנאי אין די ארץ. אויב מ'האט ארץ אן תורה, איז דאך פארוואנדלט אין מערות. ס'איז זייער וויכטיג אז ברכת הארץ מיינט נישט סתם אז מ'זאל האבן א לאנד, ס'מיינט אז מ'זאל האבן א לאנד וואס איז א אידישע לאנד, וואס גייט מיט די תורה, וואס גייט מיט די ברית. דאס איז די טייטש. זייער גוט, פשוט'ע טייטש. ס'שטייט אין ירושלמי מפורש. יא, זייער גוט.

כאטש וואס געוועגליך אין בבלי שטייט די מיני זאכן. אבער דער ירושלמי זאגט עס שוין די עקזעקט ווערג. דאס מיינט, ער ברענגט א פסוק, "יורדי הים באניות... באו יושבי נחלים". עברי טייטש.

אקעי, זייער גוט.

---

##### הלכה ד': ברכה שלישית – בונה ירושלים

##### דער רמב"ם'ס ווערטער

### Speaker 1:

ברכה שלישית, ברכה שלישית פותח בה "רחם ה' אלקינו", מ'האט שוין געזאגט מזון און ארץ, יעצט זאגט מען ברכת ירושלים. מ'האט שוין געבעטן מיט רחם, דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן על ישראל עמך ועל ירושלים עירך וכו'. אדער ס'קען זיין אדער רחמנות אדער נחמינו. איינער זאגט אז עס קען זיין רחמנות איז אזוי ווי פאר א צרה, און נחמינו איז א נחמה, טרייסטן נאך א צרה. איך ווייס נישט פארוואס ער זאל עס נישט קענען ביידע זיין. אויך וועט די ענדע זיין די זעלבע. אדער בונה ירושלים, אדער מנחם עמו בבנין ירושלים.

##### רחם vs. נחם – צוויי נוסחאות

### Speaker 1:

ס'איז זייער אינטערעסאנט. אין די גמרא שטייט צוויי אפציעס, זעט אויס, עס ווערט געברענגט די ביידע זאכן. פשטות איז משמע אין די גמרא אז עס איז שבת. שבת זאל מען זאגן אנשטאט רחמנות, נחמה, ווייל שבת איז אפשר מער א זמן פון נחמה. אזוי זעט אויס דא אביסל אין די... ס'איז זייער אינטערעסאנט. אפשר איז דאס וואס ער מיינט דא צו זאגן, מען קען זאגן אזוי, ממילא שבת איז פשט אזוי.

אבער רחם ה' אלוקינו על ישראל עמך ועל ירושלים עירך מיינט אזוי, אז ישראל עמך האבן אסאך פראבלעמס, דארפן זיי רחמנות האבן אויף זיי. ירושלים עירך האט אסאך פראבלעמס, דארף מען רחמנות האבן אויף זיי. נחמנו ה' אלוקינו בירושלים עירך איז זייער עפעס אנדערש. ער זאגט, אונזער צרה איז אז מיר האבן נישט ירושלים, טרייסט אונז מיט אונז געבן ירושלים. דאס איז די זעלבע זאך. ורחם ונחם עמו בבנין ירושלים. ס'איז אסאך מער ספעציפיש. רחם נא ה' אלוקינו על ישראל עמך, אידן דארפן אסאך ישועות, גורל חיים, זיווגים, רפואות, ישועות, און ירושלים איז אין איר חורבן, און אידן זאלן זיך צאמקומען מיט ירושלים.

איך זאג, נחמינו ווייזט אז ס'דארף גיין צוזאמען. ישראל עמך און ירושלים עירך זאלן זיך צאמקומען.

### Speaker 2:

יא.

### Speaker 1:

אבער וואס איז טאקע די חילוק? רחם און נחם סאונדט די זעלבע פאר מיר.

די פועל יוצא איז די זעלבע.

די ערשטע מאל האט זיך עס אויסגעמעקט אין יענע סידור.

ניין, ניין, ס'איז צוויי נוסחאות, רחם אדער נחם.

##### מלכות בית דוד – לא יצא ידי חובתו

### Speaker 1:

נאך א הלכה: **וכל מי שאינו אומר מלכות בית דוד בברכה זו, לא יצא ידי חובתו.** ווייל די ענין פון ירושלים איז א מלכות בית דוד.

דאס איז וואס דער רמב"ם זאגט דא. רש"י אין ברכות זאגט, **שאין נחמה גמורה אלא בחזרת מלכות בית דוד.**

פיין, גוט. דאס איז נאך אזא אנטי-ציוניסטישע זאך. ס'איז אינטערעסאנט, פארוואס זאגט ער נישט אז די ווארט ירושלים, סתם ירושלים קומט מיט א מלכות, און די אמת'ע מלכות איז אפשר נישט וואס... אפילו מיט בויען. ער זאגט אז ס'איז א דין אין רחם אדער אין נחם. די ברכה זאל מען אויף אידן מיינט ביידע זאכן, מיינט געבן ירושלים און מיינט געבן מלכות בית דוד. אן מלכות בית דוד איז עס נישט בשלימות. אויב מ'האט נישט קיין מלכות בית דוד, דעמאלטס זאל מען נישט זיין אזוי צופרידן, מ'דארף נאך אלץ רחמנות, מ'דארף נאך אלץ נחמה. דאס איז די ווארט.

##### דיסקוסיע: פארוואס מלכות בית דוד ספעציפיש?

### Speaker 2:

וואס איז מלכות בית דוד? דאס איז נאך א שאלה, אבער עפעס אן אייניקל פון דוד המלך. עפעס א מורא'דיגע געמירא איז דא, "עתידה מלכות בית דוד לחזור". וואס איז די פראבלעם? וואס איז די רמב"ם'ס פוינט? אז ס'דארף זיין א לאנד, און מ'דארף האבן א גוטע מלכות. נו, אז דוד המלך איז דאך געווען א גוטע מלכות, זאל עס זיין אן אייניקל פון דוד, זאל עס זיין אן אייניקל פון שאול. אפילו מדרך דוד אביו. פארוואס שטייט אין רמב"ם "מלכות בית דוד"? קען זיין אזא עשה מאהבה עשה מיראה.

### Speaker 1:

יא. סאו על כל פנים מוז עס זיין. דאס איז אינטערעסאנט, ווייל די דריטע ברכה האט דוד און שלמה מתקן געווען, זיי האבן זיך נישט געבעטן אויף תפארת מלכות בית דוד. זיי האבן זיך געבעטן אויף הצלחה, אדער אויף נצחיות מלכות בית דוד. סאו פון דא זעט מען אז די נוסח האבן זיי נישט מתקן געווען, זיי האבן נאר מתקן געווען די ענין.

זייער גוט. ס'מוז זיין, דאס איז די רמב"ן'ס תירוץ אין די פלעצער. ער זאגט אז ס'מוז זיין, ביז מיין דוד האט מען געזאגט "דער אייבערשטער זאל העלפן און דער אייבערשטער זאל מצליח זיין", אזוי זאגט ער. זייער גוט.

##### חקירה: ירושלים און מלכות בית דוד – איין זאך אדער צוויי?

### Speaker 1:

אקעי. אבער ס'איז די זעלבע אידיע, וואס איז געווען ביי בנין האט מען געבויט א בנין. מ'קען נאך אלץ זאגן "בונה ירושלים ה'". וואס איך האב געזאגט, איך טראכט צו בית דוד און ירושלים זענען צווי סינאנימס אדער זענען צווי זאכן? וואס טוט זיך חס ושלום ס'וועט זיך נישט אויסארבעטן ירושלים, ער בויט אויף מלכות בית דוד אין טבריה. זענען מיר אונז גוט? ווייל די עיקר איז דאך... ניין, ווייל אונז איז את לישועתך מלכות בית דוד, אדער מלכות בית דוד מיינט די מלכות פון דוד אין ירושלים? דוד המלך אליינס איז געווען מלך אין חברון פאר ער איז געווען אין ירושלים. זיבן יאר, דעמאלטס. ס'איז נישט קיין צווי אנדערע זאכן, ירושלים איז דאך ווייטער צוזאמען. וואס איז די פראבלעם?

איך זאג סתם, איך פרעג זיך א מענטש'ס שאלה. אקעי, ווייסטו וואס, באשעפער, אויב דו געסט מיר ירושלים, וועלן מיר האבן את לישועתך מלכות בית דוד, זאלן מיר בעטן דערפאר אדער ניין? ס'איז א סתירה. מלכות בית דוד איז א מלכות פון ירושלים. איך וועל דיר זאגן נאך א טראכט, אז מלכי יהודה האבן משעבד געווען ירושלים, און מיר האבן געהאט א מלכות אין די אנדערע זייט ארץ ישראל, אין שומרון. און ווען מ'זאגט "מלכות בונה ירושלים", מיינט מען בונה מלכות בית דוד? ניין, ניין, ניין, מ'מיינט נישט. דאס איז בונה ירושלים מיינט בפשטות בנין, אז די שטאט, אז די בית המקדש. מ'קען זאגן אפילו... יא, מלכות בית דוד, אלעס איז א חלק. און זאגן קלאר אז ירושלים מיינט ירושלים און די בית המקדש, און די מלכות איז די מלכות וואס פירט פון דארט, וואס ליגט אין דארט, וואס פירט די מלוכה. ס'איז צווי אנדערע זאכן, ס'איז ביידע צוזאמען, אבער ס'איז אינטערעסאנט, דו ביסט גערעכט אז דער וואס האט געזאגט "לא עלתה על דעתך" אז ס'איז נישט איינגעפאלן איינער זאל בעטן מלכות דוד אין טבריה, אבער ס'איז אים איינגעפאלן אז איינער וועט בעטן ירושלים אן מלכות דוד, דאס איז אים איינגעפאלן. אזוי ווי דו זאגסט, אפשר מלכות ישראל פון די אנדערע זייט.

און דערפאר האט מען אונז צעטיילט אויך אין צווי ברכות, צווי זאכן: "בנה ירושלים" און "את צמח דוד עבדך". דארט איז דא צווי זאכן. און מיר זאגן יא "וכסא דוד עבדך מהרה לתוכה תכין" אין "בונה ירושלים". מ'לייגט עס דארט אריין. ס'איז געווען אפילו נוסחאות וואס האבן געהאט נאר איין ברכה פאר די ביידע, טאקע די זעלבע חקירה.

אקעי, דאס איז די ענין פון... וויאזוי הייסט עס... פון די דריטע ברכה.

---

##### הלכה ה': נוסח פאר שבת און יום טוב אין ברכה שלישית

##### דער רמב"ם'ס ווערטער

### Speaker 1:

יעצט, אין די דריטע ברכה, טוישט מען אביסל די נוסח שבת און יום טוב. זאגט דער רמב"ם, אין שבת און יום טוב הייבט מען נאך אלץ אן מיט "נחם". דא זאגט ער, דא זאל מען זיכער זאגן "נחם". אזוי האב איך געטראכט אין די גמרא, אבער נאכדעם האב איך געקוקט אין רמב"ם, קוק אריין, כ"ט. אהא, מ'הייבט אן מיט "רחם" און מ'ענדיגט מיט "מרחם", אזוי ווי דו האסט געזאגט, "בונה ירושלים" אדער "מנחם עמו". און אינמיטן דארף מען מאכן א ספעציעלע נוסח פאר שבת. און ער זאגט אזוי, כ"ט, **"מתחיל 'רחם ה' אלוקינו' בעירך, או,** אזוי ווי דו האסט שוין געזאגט אז ס'איז דא צווי אנהייבס, **'רחם ה' על ישראל עמך ועל ירושלים עירך',** רייט, **ומסיים 'מנחם עמו בבנין ירושלים' או 'בונה ירושלים'.** אויך די צווי אפציעס. אבער אינמיטן דארף ער זאגן וועגן שבת.

##### "רצה והחליצנו" – דער נוסח פאר שבת

### Speaker 1:

וואס זאגט ער אינמיטן ביי שבת? זאגט ער אזוי, **"אלוקינו ואלוקי אבותינו רצה והחליצנו".** אונז זאגן נישט "אלוקינו ואלוקי אבותינו", אונז זאגן גלייך "רצה והחליצנו". "והחליצנו" איז אן אינטערעסאנטע ווארט. וועיניג וויסן טייטש "והחליצנו". איך קען מאכן א שיעור דערויף. ס'מיינט בארואיגן, אבער ס'איז זייער א ווערד. ס'איז א זאך וואס ווערט איינמאל געברענגט דארטן, "חיים שחילץ עצמות". ס'איז פון די זעלבע מין, מ'בעט עס, "חיים שחילץ עצמות". "והחליצנו" – אונז זאלן זיך פילן גוט, אונז זאלן זיין מחולץ. אפשר מיינט עס אונז זאלן האבן א נשמה יתירה, "שבת וינפש", "נפשי קצרה". זיין באדי ארבעט נישט מיט. ער האט גוטע רעיונות, אלעס, אבער ער האט נישט די ענערדזשי. חיים של חילוף עצמות מיינט ער זאל זיין אין זיין בעסט, אזוי ווי אן אנטערפרענער הייבט אן זיין טאג מיט עקסערסייז, די חברה וואס רעדן וועגן דעם, זיין באדי זאל מיטארבעטן.

ער ברענגט אסאך מנוחה און ענערדזשי. יא, מנוחה. וועגן דעם האב איך געזאגט אז שבת, אקעי, מיט צו זאגן יום השביעי, איך האב געזאגט אז שבת סוף סעודה ווען מ'בענטשט און מ'זאגט רצה, דעמאלטס איז נישט געווענליך א חיים של חילוף עצמות. מ'בעט, מ'זאל האבן נשמה יתירה, שאינה לא אכילה ולא שתיה ולא אנחה. מ'זאל נישט עסן אזויפיל טשאלנט.

אין רצה זאגן מיר, "וצויתנו ה' אלקינו על אכילת מצה זו ועל שתיית כוס ישועות זה." אה, ניין, דאס איז פסח. אקעי, אנטשולדיגט.

##### דער גאנצער נוסח פאר שבת

### Speaker 1:

**"רצה והחליצנו ה' אלקינו במצותיך ובמצות יום השביעי הזה הגדול והקדוש הזה, כי יום זה גדול וקדוש הוא לפניך לשבות בו ולנוח בו באהבה כמצות רצונך."**

און איך פרעג דיך א שאלה, עפעס אין די אלע ווערטער וואס דו לייגסט אריין אינמיטן, געבן זיי עפעס צו? ניין. זיי זאגן איבער די זעלבע זאך. איז אזוי ווי די רמב"ם זאגט, מ'זאגט יום השביעי, אזוי, "ונשבות בו ונגוח בו כמצות רצונך."

יא, און דא איז דא א בקשה, "ואל יהי צרה ויגון ביום מנוחתנו." און וואס זאגן אונז? די זעלבע זאך, נאר פיר מאל אזוי לאנג?

##### דער סיום פון דער ברכה

### Speaker 1:

און נאכדעם ענדיגט מען נאכאמאל צו מיט די ענין פון רחם. ניין, איך מיין אז אונז טוען אונז... איך מיין אז די לשון רצה איז סתם וואס מ'האט צוגעלייגט אריין אין די רצה.

אונזער נוסח קומט ביים ענדיגן פון דעם, אזויפיל רצה שבת, ענדיגט מען פירט שוין אויס אונזער נוסח, דייטש, מיר זאגן דעם מנהג פון די ירושלמי, "והרנינו ה' אלקינו את קולך, ברוך אתה ה' מנחם ציון." מיר זאגן נישט "ונחם ציון ונחם עמך ונחם ירושלים." מיר זאגן נישט "ונחם ירושלים" נאכאמאל. מיר זאגן פשוט, "ברוך אתה ה' מנחם ציון." אונז שטימט זייער גוט. ניין, אפשר דארף מען נישט זאגן דערפאר דעם "רחם", מיין איך צו זאגן. דער ניסוח איז איך לייג שוין אריין די "רחם" ביי די ענד. ניין, ניין, איך הייב אן. די גמרא זאגט "מתחיל בנחמה וחותם בנחמה". מ'הייבט אן, מ'קען אנפאנגען "נחמינו" ב"רצה והליצנו", אדער "רחם" ב"רצה והליצנו", און נאכדעם קען מען אויספירן.

אונזער סדר איז סתם צו זאגן. אבער די שאלה איז, ווען זאגט מען "יעלה ויבוא" ווען מ'זאגט דעם "אלוקינו ואלוקי אבותינו"? ביי "רצה" זאגט מען עס נישט צוריק דעם "אלוקינו ואלוקי אבותינו".

##### הלכה ב (המשך): הוספות אין ברכת בונה ירושלים – יעלה ויבוא

### Speaker 1:

מען קען פשוט זאגן ברוך אתה ה' מנחם ציון, און ס'שטימט זייער גוט.

### Speaker 2:

ניין, אפשר דארף מען נישט זאגן פאר דעם די רחם מיין איך צו זאגן. די נוסח איז, איך לייג שוין אז די רחם ברחמיך הרבים, ניין, ניין, מ'זאל אנהייבן. דאס איז די גמרא זאגט, מען מאכט חילוק בין נוסחאות. מ'הייבט אן, מ'קען אנהייבן רחם נא, ורצה והחליצנו, אדער רחם נא, ורצה והחליצנו,

און נאכדעם קען מען אויספירן. דאס הייסט, אונזער סידור איז סתם צוניפגעמישט. אבער די סארט, אונז זאגן ביי יעלה ויבוא האבן מיר יא געוואונען די אלוקינו ואלוקי אבותינו. ביי רצה האט מען עפעס געזאגט אז מ'זאל נישט זאגן אלוקינו ואלוקי אבותינו.

## Speaker 1:

ביום טוב אומר אלוקינו ואלוקי אבותינו יעלה ויבוא, וואס דער רמ"א האט שוין געברענגט די לשון פריער, אדער ער ברענגט עס אין די סידור. אדער ער ברענגט עס שפעטער, יא. רחם ברחמיך הרבים וכו', מוסיף באמצע ברכה שלישית יעלה ויבוא. דא לייגט מען אריין יעלה ויבוא. זייער גוט. פארוואס קומט עס אריין אין די ברכה, ווייסטו אדער דו ווייסט נישט? וואס איז די סוד? פארוואס קומט עס דא אריין? פארוואס פונקט ביי בונה ירושלים זאגט מען עס? זכרון משיח בן דוד עבדך, וזכרון ירושלים עיר קדשך, וזכרון כל עמך בית ישראל. יעלה ויבוא א קשר מיט שבת, שבת ויום חג המצות הזה.

**דיסקוסיע: פארוואס קומט יעלה ויבוא דווקא אין ברכת בונה ירושלים?**

## Speaker 1:

האסטו אפשר א סוד פארוואס פונקט ס'קומט דא אריין?

## Speaker 2:

איז עס ווייל אין רחם איז וואו מ'בעט בקשות, מ'ענדיגט דאך מיט אל תצריכנו ואל תכלימנו. ס'האט א הייליגע בקשה. איך ווייס נישט.

## Speaker 1:

געוועגליך האט מען קובע געווען שבת ביי, למשל, אינמיטן, יא, צווישן די דריי און די דריי. אה, דא האט מען עס געלייגט ביי די לעצטע ברכה. ס'איז ממש דא. אקעי, קענסטו זאגן איינמאל די פערטע ברכה? קענסט נישט, ווייל די פערטע ברכה איז נאר מיט די רבנן. ס'איז עפעס ביי די ענד.

## Speaker 2:

ניין, איך טראכט, פארוואס קומט עס... אדער האט עס עפעס א קשר מיט בונה ירושלים? נישט קלאר. אדער איז עס עפעס א זאך פון... עפעס אזוי די ענד.

## Speaker 1:

אזוי סאונדט עס, אז ביי די ענד. דו זעסט דאך אז למשל, אז זיי האבן געזאגט אז... אין נישט מעין שלש זאגט מען אדער ביי רצה אדער ביי די ברכת הארץ, יא? אדער ביי די מיטלסטע ברכה איז א מזכיר, יא? יום טוב, ווען ס'איז בחול, זאגט מען דאס ביי רצה. פארוואס ביי רצה? ווייל דאס איז די לעצטע בקשה כמעט. על הנסים איז א הודאה, ס'איז אן ענין פון הודאה. די זעלבע זאך דא איז די לעצטע, און... ס'איז נישט קלאר. פאר הודאה, אז די הטוב והמטיב איז ענליך צו ברכת מודים, יא? ס'איז נישט קיין בעסערע פשט.

## Speaker 2:

כ'האב געזאגט אז ביי יעלה ויבוא שטימט עס אלס די מלכות בית דוד מיט די ענין פון ירושלים, ווייל בית דוד, יעלה ויבוא...

## Speaker 1:

יא, אפשר דאס איז פונקט, איך ווייס נישט. יא, מ'דארף טאקע טראכטן. אה, ס'קומט דאך אריין אין רצה, און רצה איז אויך א דבר של עבודה, דו זאגסט די זעלבע זאך. מ'זאל כמעט בעטן אויף די עבודה צוריקצוקומען צו ירושלים.

## Speaker 2:

אקעי. ביי חנוכה און פורים אבער...

## Speaker 1:

יא, מ'דארף טראכטן צו ירושלים זיין, צו ירושלים זיין. לויט די פשט אז שבת איז א מקדש אין הזמן...

## Speaker 2:

שוין. ווייטער זאגט ער...

## Speaker 1:

יא, זייער גוט, עס איז א קאנעקשן צווישן... פון שבת און ירושלים. יא.

**הלכה ב (המשך): על הנסים אין ברכת הארץ**

## Speaker 1:

זאגט ער אריין, ביי חנוכה און פורים לייגט מען צו אויך מעין המאורע של חג, אזוויי יעלה ויבוא, אבער מ'טוט עס נישט אין ברכת רצה, נאר מ'טוט עס אינמיטן ברכת הארץ. זאגט מען **על הנסים כדרך שמוסיפין בתפילה**. פארוואס איז טאקע? אה, ווייל על הנסים איז... מ'דאנקט אויף די נסים, דארף מען דאס אייביג צוטשעפען צו א נוסח פון דאנקען, אן ענין פון הודאה.

דאס האט ער געזאגט, רצה איז א בקשה, ממילא באלאנגט עס ביי בקשות. לכאורה, אין די דריי ברכות ראשונות, די פלאץ פון בקשות איז בונה ירושלים. משא"כ על הנסים איז א הודאה, באלאנגט עס ביי ברכת הארץ וואס דארט איז די הודאה. מודים אנחנו לך, ס'הייבט זיך ליטעראלי אן אזוי, מודים אנחנו לך, יא.

## Speaker 2:

אקעי, זייער גוט.

**הלכה ב (המשך): סדר ההזכרות ווען עס טרעפט זיך מערערע**

## Speaker 1:

**ויום טוב וראש חודש שחל להיות בשבת, מזכיר של שבת תחילה ואחר כך של יום טוב.** זאגט ער די סדר, וואס איז תדיר און וואס איז נישט תדיר. **ואם ראש חודש טבת חל להיות בשבת**, וואס איז אום חנוכה, **מזכיר על הנסים בברכת הארץ, ואחר כך רצה, ויעלה ויבוא ונחמנו.** דאס איז די סדר. זייער גוט.

**הלכה ג: דיני ברכה רביעית — הטוב והמטיב**

**שלוש מלכיות אין ברכה רביעית**

## Speaker 1:

דיני ברכה רביעית. יעצט גייען מיר לערנען די פערטע ברכה, ברכת הטוב והמטיב, וואס דאס איז. אין די דריי ברכות הרביעית, ס'איז דאך דארט שלוש מלכיות. דארף מען דאך דערמאנענען דריי מאל מלכות. מיר זאגן דאך "המלך הטוב והמטיב לכל", און נאכדעם זאגן מיר "מלך העולם", און נאכדעם זאגן מיר "הוא ימלוך עלינו לעולם ועד". מ'דערמאנט דריי מאל מלכות. וואס איז דער ענין פון דריי מלכיות? מ'זאגט דאך אויך "ה' מלך, ה' מלך, ה' ימלוך לעולם ועד". ס'איז עפעס אן ענין פון דריי מלכיות. מלכות איז אייביג מ'איז עס מסביר מיט "היה, הווה, ויהיה", איך ווייס נישט פונקטליך.

אבער דא איז נישט ממש דאס. יא, מ'קען זאגן די תורה, מ'קען זאגן על פי קבלה אזוי, יא. אבער ס'איז נישט מוכרח דא, ווייל דא איז עס מער אזוי סתם דריי מאל, אפשר איז עס עפעס א שיינע... "שבחא דאורחא אצל בעל הבית", מוסיף בברכה לבעל הבית. לייגט ער צו אין די פערטע ברכה, לייגט ער צו א ברכה פאר די בעלי בתים. שטימט?

**דיסקוסיע: פארוואס דריי מלכיות?**

## Speaker 2:

איך טראכט אז די ברכה רביעית דארף דאך האבן שלוש מלכיות. איך טראכט צו מיר אפשר אזוי ווי, ווייל ביי אזאנע זאכן לייגן מיר אראפ דעם אייבערשטן ווי א גוטער טאטע וואס געט ברויט. און נאכדעם איז דער אייבערשטער אונזער גענעראל וואס געט אונז ירושלים, און ער בויט, ער איז א בונה ירושלים, ער איז איינער וואס געט לעגדער. און דא געבן מיר אים צוריק מלכות. מלכות איז דאך א העכערע מדריגה, ער איז א מלך העולם, ער איז א...

## Speaker 1:

זייער גוט. ס'איז דא א פשוט'ע תירוץ, שטייט אין די ראשונים, די ריזן איז ווייל די ערשטע דריי ברכות זאגן נישט מלכות, אדער די לעצטע צוויי ברכות, יעצט האבן זיי משלים געווען פאר די דריי וואס ס'פעלט. די ערשטע זאגט זיך יא, "אלוקינו מלך העולם". פארוואס זאלן זיי דארפן נאך צוויי?

### Speaker 2:

זייער גוט. חדא לגופא וחדא... אפשר די צוויי וואס האבן נישט געזאגט מלכות, און בעצם קומט עס. וואס האט בעצם ארץ צו טון מיט מלכות? און אוודאי ירושלים האט צו טון מיט מלכות. מילא, מ'האט נישט געוואלט צוזאמלייגן מלכות שמים מיט מלכות בית דוד.

### Speaker 1:

אה, ס'קען זיין. נו? איך האב דאס געקוקט אין ספר משנה. מ'האט נישט געוואלט צולייגן, אין בונה ירושלים קומט דאך אויף מלכות, אבער מ'האט נישט אריינגעלייגט דארט ווייל "לא להשוות מלכותא דארעא למלכותא דרקיעא".

### Speaker 2:

אה, דאס איז וואס דו זאגסט, די שלוש מלכיות. יעצט האבן מיר יא געבעטן מלכות בית דוד, אבער נאך מער זענען מיר עקסייטעד פאר מלכות שמים. מ'קען עס נישט צומישן מיט מלכותא דארעא. דאס איז די נקודה לכאורה. דאס איז א פשוט'ע פשט. אקעי. ס'איז א מודיגע זאך, פשט איז אז א איד וואס האט אן אמת'דיגע... א איד וואס איז נאנט צו דער אייבערשטער באשעפער, דארף ער טראכטן אז יעצט האבן אונז נישט מלכות בית דוד, אבער דער אייבערשטער איז אונזער מלך.

### Speaker 1:

זייער גוט, ער שטימט זייער גוט, ער שטימט זיך. וועסן מיט זיך אז דער אייבערשטער טרייסט אונז.

**הלכה ג (המשך): ברכת בעל הבית**

### Speaker 1:

זאגט ער ווייטער, **שבחא דאורחא אצל בעל הבית – מוסיף בברכה רביעית ברכה לבעל הבית.** אז ווען אן אורח איז ביי די בעל הבית און ער בענטשט, ער מיינט אים סתם די ברכה. ער מיינט ער זאגן, אויב דער אורח איז דער וואס איז דער שליח ציבור, וואס זאגט הויך בענטשן און אלע ענטפערן אמן פון אים, אזוויי מען האט געשמועסט אז ביי די אלע ברכות אז איינער קען זאגן הויך. **מוסיף א ברכה לבעל הבית, לייגט ער צו א ברכה לבעל הבית, קצר ברכה, וויאזוי בענטשט ער?** יהי רצון שלא יבוש בעל הבית בעולם הזה ולא יכלם לעולם הבא**.

מען אינטערעסאנט. וואס זאגט אים די ווערטער? ער גיבט דיך א סוגעסטן פון א נוסח? און דערמאל זאגט דער רמ"א, **ויש לו רשות להוסיף בברכת בעל הבית ולהאריך בה**, קען אויפמאכן זיינע אייגענע נוסחאות. זייט עס אז אויפדעם איז נישט דא קיין ענין פון מטבע שטבעו חכמים. ווען עס איז געזאגן, וואס הייבט ער בכלל אמאל אין דער יהי רצון? עס איז געזאגן אז מען זאל נישט זאגן שם מלכות, אדער ערווען עפעס מרמב"ם זיין דעם?

**דיסקוסיע: א��ז דא א פעסטער נוסח פאר ברכת בעל הבית?**

### Speaker 2:

דאס איז יא א שטיקל וואס שטייט אין דער גמרא. יא איז דא א שטיקל אין דער גמרא, אבער...

### Speaker 1:

זייער גוט. דער גמרא בעט מער א נוסח. אבער דער רמ"א האט פארשטאנען, אז דאס איז... אה, ס'שטייט מיר ערשט אין דער גמרא. ר' יוחנן האט געזאגט דער נוסח וואס דער רמ"א ברענגט, און ר' יהודה מוסיף בדברים... און דאס וואס ס'שטייט אין אונז עס צעדירן ר' יוסף בדברים, מען מעגן צולייגן. האט דער רמ"א פארשטאנען, אז ס'מיינט נישט אז מען מוז זאגן דער נוסח. מען קען צולייגן דעם אייגענעם נוסח. ממילא, נישט אויף קיין שום, עס איז דא מענטשן וואס זיי פירן זיך אזוי, קודם זיך אויבן זיי ליטוואקערס זענען מקפיד אויף דעם נוסח. א ברכה, עס זאלן דארפן זאגן אז לויט דער רמ"א, עס איז נישט ריכטיג. די אנהייב עס פעלט ארויס. איך בין מקפיד דעמאלטס צו רעדן קאמפלימענטס פאר די בעל הבית. אבער א ברכה, דארפסט מען גיין א ברכה. יא. אבער א פארט פון די ברכה איז צו צו גיבן א ברכה און א דרשה. דעמען מיר זיך אויפשטעלן. אזוי ווי מען גיבן א דרשה פאר בעל הבריות אדער וואס. מען שטעלט זיך אויף דעם צו זיין קאמפלימענטס. דא קען מען עס טון ביי מענטשן, שטעלט זיך אויף נאך ביי "לא יחסרנו". איך וויל דא רעדן שוואך, איך וויל נישט אריינרעדן אין די אייבערשטנ'ס וועגן, וויאזוי ער פירט די וועלט. אקעי, זאגט די אייבערשטער, דו קענסט זיין, אבער דו בעטסט געבן א ברכה, א תפילה, און א ברכה.

**הלכה ג (המשך): ברכת בית האבל**

### Speaker 1:

עס איז דא א ברכה וואס מ'זאגט **שבאורחין בבית האבל.** אויב מ'בענטשט ברכת המזון בבית האבל, אויב מ'בענטשט ברכה רביעית, לייגט מען צו אין ברכה רביעית, ס'שטייט שוין "הטוב והמטיב", איז אויך דא א ספעציעלע נוסח. אונז זאגן מיר עס נישט היינט, אבער ס'איז דא א בית אבל, יא, ס'איז דא אנדערע וואס זענען נישט אויסגעגאנגען דעם, און מ'מעג עס זאגן, ס'איז נישט קיין השגה, ס'איז א שיינע נוסח. און יא, אזוי ווי דו זאגסט, אין די תוספות רי"ד איז עס אריינגעדרוקט אין אשכנז, מ'זאגט אפשר נישט ממש די רמב"ם'ס נוסח, אבער ס'איז דא אזעלכע נוסחאות פון בית אבל, יא, ס'איז אויך געברענגט אין די טור, וואס איך האב געדענקט. אבער ס'שטימט אויך גראדע זייער גוט אין די טעם, אז דו וועסט זען נאר די ערשטע, אהה, אז ווייטער איז עס אן ענין פון, פון טרעפן די אור, גילוי טרעפן די, ארויסצוברענגען דאנקבארקייט אפילו ווען ס'איז שווער.

**נוסח ברכת בית האבל**

### Speaker 1:

אויב מ'בענטשט ברכה רביעית זאגט מען אזוי: **"המלך החי הטוב והמטיב"**, דער אייבערשטער וואס איז חי און טוב ומטיב, **"אל אמת, דיין אמת, שופט בצדק"**, ס'שטייט דא אזא שטיקל, **"האומר לעולמו די"**, דער אייבערשטער לעבט נאך, ווייל יענער איז, לאמיר פארשטיין, דער אייבערשטער לעבט נאך, וכו'. דער אייבערשטער איז אבער גערעכט, ער איז א שופט בצדק, ער האט געהרגעט יענעם, ס'איז א צידוק הדין, **"שליט בעולמו לעשות כרצונו"**, נישט אז דער אייבערשטער האט זיך געמוזט טון, דער אייבערשטער האט געטון ווייל ער האט געוואלט אזוי, ער איז גערעכט, ער האט די יכולת, **"שאנחנו עבדיו ועמו"**, למעשה, ער בלייבט גאט אין אונזער לעבן, מיר זענען זיינע קנעכטעלעך, **"ועל הכל אנו חייבים להודות לו ולברכו"**, אין יעדן מצב איז דא א מקום צו די "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה", **"ועל הכל אנו חייבים להודות לו ולברכו"**, און דערפאר קען מען מאכן **"הרחמן הוא ינחם אבלים אלו"**, און מ'זאגט אין דעם אזוי זאל דער אייבערשטער העלפן די משפחה זאל זיין אויפגעראכטן ווערן וכדומה, יא? מ'לייגט צו זיין אייגענע, ס'איז זייער וויכטיג, מ'דארף צולייגן די אייגענע נוסח, אזוי ווי דו זאגסט מאך א דרשה, אדער דו זאגסט לייג צו "הרחמן", ניין, גיי צוריק צו די סדר.

**הלכה ג (המשך): ברכת חתנים**

### Speaker 1:

יא, זאגט ער ווייטער, **ובבית חתנים** איז אויך דא, **בבית חתנים, מברכין בבית חתנים**, אהה, דא רעדט מען נאכ'ן ענדיגן בענטשן, נאך די זיבן ברכות, **אחר ברכת המזון**. יא, אבער אחר ברכת המזון, נישט אזוי ווי בית האבל אין דער היים. ווייטער, נישט מען לייגט צו ענדיגן די אייל. יעצט הייט מען, הייט מען נאך ברכת המזון. איי, גוט. וואס וועסטו מאכן א נייע קאפלענט. קוענסט נישט פונזער נאך, דער רבי מען לייגט עס דא אראפ, אז מען דארף טראכטמען. דער דעם לייגט עס אראפ, כולו, אז ס'איז נאך אייס סיפור צו חסידות יהודה שאוכל לשם. ער זאגט, איין ברכת הסתם, איין ברכה.

#### הלכה ב' (המשך): ברכת חתנים אחר ברכת המזון

## Speaker 1:

רייט, נישט מ'לייגט צו ענדערש אין דעם. יעצט, מ'האלט נאך מיט בענטשן, נאך בענטשן. אה, גוט, מוזטו מאכן א נייע קעפל. דו קענסט שוין זאגן נאך.

דער רמב"ם לייגט עס דא אראפ, מ'דארף טראכטן. דער רמב"ם לייגט עס אראפ, כולי, עס איז נאך א תוספת צו ברכת המזון, נאר מ'האט עס געלייגט גלייך נאך ברכת המזון. ס'איז נאך א תוספת. צו, אין אנדערע ווערטער, אין בית האבל האט מען געבענטשט, מאכט מען פיר ברכות, בבית חתנים מאכט מען צען ברכות. מ'האט מער ברכות, יא.

#### דער רמב"ם'ס לשון

זאגט דער רמב"ם, **"ובבית חתנים מברכין ברכת חתנים אחר ארבע ברכות אלו בכל סעודה וסעודה שאוכלין שם"**. ער זאגט איין ברכת חתנים, איין ברכה.

זאגט דער רמב"ם, **"ואימתי מברכין ברכות אלו?"** ער גייט שוין זאגן אז ס'איז דא מצבים ווען מ'זאגט זיבן ברכות.

זאגט דער רמב"ם, **"ואימתי מברכין ברכות אלו? ומי מברך אותן? לא עבדים ולא קטנים"**.

#### דיסקוסיע: פארוואס דערמאנט דער רמב"ם דא עבדים וקטנים?

ביז יעצט האט ער אונז נישט געזאגט אז א עבד און א קטן קענען זיין די בענטשער. ס'האט נישט געזאגט ביי ברכת חתנים, איך ווייס נישט פארוואס ס'איז אן ענין אפשר א קוואליפיקאציע.

## Speaker 2:

האבן מיר יא געלערנט פריער אז עבדים וקטנים קענען נישט מברך זיין פאר אנדערע?

## Speaker 1:

ניין?

## Speaker 2:

האבן מיר געלערנט אין פרק א' עפעס וועגן דעם?

## Speaker 1:

ניין? פרק א' איז נישט געשטאנען וועגן דעם? מוציא זיין?

## Speaker 2:

יא. אין מוציאין אחרים"?

## Speaker 1:

אמן. ניין, ס'איז געשטאנען דא ביי... עפעס איז נישט געשטאנען? כל השומע ברכה כעונה", ס'איז נישט געשטאנען אז ס'מוז זיין א גדול. ס'איז געשטאנען "מוציא מי שחייב בו מן התורה", דאס איז געשטאנען, יא. עבד איז אויך חייב לכאורה. ס'איז נישט געשטאנען, איך ווייס נישט. איך ווייס נישט קלאר. גיי ווייטער.

## Speaker 2:

ניין, מ'דארף פארשטיין וועגן דאס, וואס איז די נקודה.

## Speaker 1:

אקעי, לאמיר נאך קוקן. זאג ווייטער.

## Speaker 2:

ניין, ס'קען זיין אז דא איז פשוט אן ענין פון כבוד הציבור.

#### המשך דער רמב"ם: ביז ווען מברכין ברכת חתנים

## Speaker 1:

**"עד כמה מברכין אותה?"** ביז ווען? דאס הייסט, ווי... בית חתנים מיינט געווענליך די חתונה. בית חתנים מיינט די טענט, ס'איז געווען אזא אסאך מאל אן אוהל וואס דער חתן האט אויפגעשטעלט בבית חמיו צו מאכן דארטן די סעודה. אבער ביז ווען? דאס הייסט, וואס טוט זיך אויב מ'מאכט דארטן די נעקסטע נאכט נאך די חתונה נאכאמאל א סעודה?

**"עד כמה מברכין אותה? אם היה אלמן שנשא אלמנה"**, איז עס נאר איין מאל, **"מברכין אותה ביום ראשון בלבד"**, נאר ביי די חתונה. די ערשטע טאג האט מען געמאכט די סעודה, דאס איז די טאג.

**"ואם היה בחור שנשא אלמנה, או אלמן שנשא בתולה"**, וואס טייטשט אז איינער פון זיי איז אדער א בחור אדער א בתולה, איז דא א גרעסערע עקסייטמענט. **"ברכה זו עושין כל שבעת ימי המשתה"**. אלע זיבן טעג.

#### וועלכע ברכה זאגט מען?

זאגט דער רמב"ם, אויף וועלכע ברכה רעדט מען דא? **"ברכה זו שמוסיפין בבית חתנים היא ברכה אחרונה משבע ברכות של נישואין"**. ווען דו גייסט לערנען אין ספר הלכות אישות, גייט דאך דער רמב"ם דארטן רעדן מער וועגן נישואין, און דארטן איז דא זיבן ברכות. די לעצטע פון זיי איז וואס מ'זאגט נאכ'ן בענטשן אין בית חתנים.

#### דער דין פון פנים חדשות

זאגט דער רמב"ם, **"במדברים אמורים?"** מ'זאגט נאר איין ברכה, נאר ברכה אחריתא? **"שהיו האוכלין הן שעמדו בברכת נישואין ושמעו הברכות"**. ווען די וואס עסן זענען די וואס האבן שוין פריער מיטגעהאלטן די חופה און געהערט די ברכות וואס מ'האט געמאכט נאך די חופה, די זיבן ברכות.

**"אבל אם היו אוכלין אחרים שלא שמעו ברכת נישואין בשעת נישואין"**, אויב איז אבער נייע מענטשן וואס האבן נאכנישט געהערט די ברכת נישואין, **"מברכין בשבילן אחר ברכת המזון שבע ברכות כדרך שמברכין בשעת נישואין"**. מאכט מען פאר זיי יעצט אלע זיבן ברכות.

דאס איז דער רוף פון פנים חדשות, ס'קומט פון דא. אז די וואס האבן נאכנישט געהערט ברכת נישואין, אלע זיבן ברכות, מאכט מען אונז יעצט. ס'איז זייער שיינע ברכות, לכבוד החתן והכלה, און דא האבן מיר אן הסבר מיט די אלע זאכן. די האבן עס שוין געהערט, איז נישט אינטערעסאנט, אבער אז ס'איז דא נייע מענטשן, זאגט מען עס איבער.

## Speaker 2:

זייטס מסביר, מ'רעדט דאך דא זיבן טעג, סאו... ס'איז נישט סתם אזוי. אלע זיבן טעג מער... אה, אלע זיבן טעג דארף מען טאקע האבן פנים חדשות. די אלע וואס האבן עס שוין געהערט ביי די חופה קענען נישט איבערמאכן נאכאמאל.

## Speaker 1:

ס'קומט יעדן טאג נייע מענטשן.

## Speaker 2:

יעדן טאג קומען נייע מענטשן.

#### דער דין פון עשרה

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **"וצריך שיהיו עשרה בברכת חתנים"**, ביי א שבע ברכות, ביי א בענטשן דארף זיין צען מענטשן, **"והחתנים מן המנין"**. די חתן קען זיין דער צענטער. מ'דארף נישט האבן עלף חוץ פון אים, צען חוץ פון אים.

#### דיסקוסיע: קען מען מאכן שבע ברכות מיט עטליכע חתנים?

## Speaker 2:

מ'קען צוזאמנעמען א באנטש חתנים און זיי זאלן זיך צוזאמנעמען און מאכן א שבע ברכות, און זיך פרייען איינער דעם צווייטן. ס'איז אן אפארדעבל איידיע.

## Speaker 1:

דאס האבן זיי נישט געמיינט דא.

### Speaker 2:

קען זיין, מ'קען.

### Speaker 1:

איך ווייס נישט.

### Speaker 2:

ניין, די חתנים אליין, אה, זיי קענען מאכן איינס פאר די צווייטע.

### Speaker 1:

ס'קומען זיך צוזאם אפאר חתנים וואס האבן דזשאסט חתונה געהאט, זיי קענען זיך צוזאמנעמען א סעודה.

### Speaker 2:

צען חתנים.

### Speaker 1:

אפשר ביי דער רבי'ס טיש מאכט מען אזאנס.

### Speaker 2:

ס'איז א פראבלעם אבער, ווער גייט הייבן דעם חתן אויף א בענקל? ווען זיי זענען אלע חתנים.

#### ברכת חתנים אלס חלק פון ברכת המזון

### Speaker 1:

ס'איז אזויווי אן עפענונג פון א גרויסע ענין. ס'איז אזוווי די ערשטע כאילו כהנים, וואס זאל מען האבן א פראבלעם מיט ברכת כהנים, דאס איז ברכת הדיוט. אבער יעצט גייט דער רבי'ס טיש, ווייל יעדער איינער קומט פאר א צווייטן.

אבער ס'איז אינטערעסאנט, די הלכות ברכת אירוסין און ברכת שבע ברכות איז א הלכה אין הלכות אישות. דער רמב"ם מענשאנט עס דא ווייל ס'איז קאנעקטעד צו ברכת המזון.

### Speaker 2:

רייט, ס'סאונדס פון די רמב"ם דא... ס'איז אמת, דו ביסט גערעכט, אז ברכת אירוסין מאכט מען אויך ביי די חופה פאר די כתובה, פשוט. אבער ס'סאונדס פון די רמב"ם אז דו לייגסט עס צו ביי די סעודה לפי הענין. דו וועסט דאך נאך די ערשטע ברכה, און נאכדעם האסטו דאך בונה ירושלים, און אלע זעקס ברכות איז דאך א פארט פון ברכת המזון. אזוי זעט אויס.

#### ברכת המזון אלס געלעגנהייט פון תפילה

### Speaker 1:

ס'סאונדס אזוי אז ברכת המזון איז געווארן נאך א געלעגנהייט פון תפילה, אויב דו קוקסט וויאזוי ס'גייט. ווייל נארמאל וואלט מען געטראכט, אלעס וואס דו דארפסט זאגן, דערמאן ביי תפילה. ביי תפילה דערמאנסטו עס יבוא ויעלה, און ביי שומע תפילה קען מען דערמאנען עקסטערע בקשות. וואו קומט נאך אריין נאך זייטיגע זאכן? ברכת המזון איז דאנקען דעם אייבערשטן אויף די ברויט. אבער איינמאל מ'האט צוגעלייגט בונה ירושלים און דאס, איז שוין...

### Speaker 2:

יא, ס'זעט אויס, ס'זעט אויס.

### Speaker 1:

נו, איך קען דיר זאגן, דו דארפסט טראכטן, ברכת המזון איז מער ווי תפילה מדאורייתא, אבער נישט די סדר. ס'זעט אויס אז ברכת המזון האט אפילו א מקור מדאורייתא, און א געוויסע זאכן מער ווי תפילה, אדער עטליעסט אזוי איקוועל. ס'זעט אויס אז ס'איז א גאנצע סדר.

און איך קען דיר זאגן, בית חתנים איז אן עקסייטינג זאך, ס'איז נישט עפעס וואס מ'קען צולייגן ביים דאווענען. ס'איז אן ענין וואס האט צו טון מיט סעודה. יא, איך רעד נישט נאר, נישט נאר בית חתנים, איך מיין באופן כללי, אבער...

---

#### הלכה ב' (המשך): שכח ולא הזכיר בשבת או ביום טוב

##### דער רמב"ם'ס לשון

### Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"שכח ולא הזכיר בשבת או ביום טוב קדושת היום"**. ער האט נישט דערמאנט שבת אדער יום טוב קדושת היום. אה, יעצט גייען מיר לערנען וואס איז געשען, מען האט נישט... די הלכות וואס מ'דארף טון. וואס איז געשען אז מ'האט פארגעסן עפעס?

זאגט דער רמב"ם, **"אם נזכר קודם שיאמר ברכה רביעית"**. איז אזוי, בשבת זאגט ער דארטן... דאס הייסט ער לייגט צו א פערטע ברכה, און ער זאגט, **"ברוך אשר נתן שבתות מנוחה לעמו ישראל לאות ולברית קודש"**.

##### "לאות ולברית קודש" – שבת אלס ברית

ס'איז אינטערעסאנט, דא שטייט אז שבת אליין איז א ברית קודש.

### Speaker 2:

אוודאי, ס'שטייט דאך "לאות היא".

### Speaker 1:

איז א ברית, יא. איך האב נישט געזען ער זאל זאגן מקדש השבת.

### Speaker 2:

ניין, גוט. איך וויל נאר זאגן, יעדער איינער ווייסט דאסווארט ברית קודש, דאס איז א שטארקע מקור אז ברית קודש איז שבת, מער ווי ברית מילה. ברית מילה איז דאך ווי כתר. פארוואס זאגט מען א ברית קודש? וואו שטייט "וחותם באות ברית קודש נתן"?

### Speaker 1:

מ'זאגט יא, "ואות ברית קודש".

### Speaker 2:

ניין, אבער די ווארט "ברית קודש", די אויסדרוק "ברית קודש" איז נישט קיין... ביי די ברכות, ברכת המזון זאגט מען...

### Speaker 1:

יא יא, "ועל בריתך שחתמת בבשרנו". און "ועל תורתך שלמדתנו". "ועל חוקיך שהודעתנו". "ועל בריתך שחתמת בבשרנו".

### Speaker 2:

אקעי, זייער גוט. דא איז שבת די אות ברית קודש.

##### המשך דער רמב"ם: ביי ימים טובים און ראש חודש

### Speaker 1:

**"וחדשים ובקרים"**, שבת. אבער ימים טובים, **"ברוך אשר נתן ימים טובים לעמו ישראל לששון ולשמחה"**, **"וחדשים ובקרים"** ישראל והזמנים.

און דעמאלטס מאכט ער א ברכה רביעי, און דעמאלטס מאכן מען נאך א ברכה. ער האט נישט קיין פראבלעם מיט דעם אז מ'זאל נישט מוסיף זיין א ברכה אדער וואס. געווענליך טאקע טוט מען עס נישט, אבער ביי די עובדא, יא, די ענין פון ברכת המזון איז גענוג שטארק אז מ'זאל מוסיף זיין א ברכה. יא.

##### פארוואס קען מען צולייגן א ברכה?

ס'קען זיין כאילו אז ארגינעל קומט פאר שבת אן עקסטערע ברכה פון מקדש השבת, נאר די חכמים האבן עס צוזאמגעלייגט. אויב דו ווילסט, אזוווי ס'איז ארגינעל, אויב דו האסט פארגעסן, מאכסטו טאקע די עקסטערע ברכה. זייער גוט.

**אויב מ'האט שוין אנגעהויבן ברכה רביעית**

און ווען ס'איז ברכה רביעית, ווען מ'איז קורע את שמו, ברכה רביעית, דעמאלטס איז וואס?

## Speaker 2:

ער האט שוין געענדיגט נאך על הכל, ער איז נישט פוסק.

## Speaker 1:

ניין, ער זאגט אנגעהויבן, אנגעהויבן. איינמאל ער האט שוין אנגעהויבן ברכה רביעית, ער האט שוין אנגעהויבן צו זאגן "ברוך אתה", איז פוסק אז ער דארף נישט חוזר זיין לראש, סיי ווי ביי ברכת המזון דארף ער נאר אנקומען ביז אנהייב פון הזן.

**מחלוקת רמב"ם און ראב"ד**

אזוי זאגט דער הייליגער רמב"ן. אבער דער הייליגער ראב"ד איז מחולק. דער רמב"ן זאגט אז דער ראב"ד רעדט נישט צו די זאך, אבער דער ראב"ן האט געמאכט א טעות.

ווייל דער רמב"ן זאגט, און דער רמב"ן האט זיך געלערנט א הלכה אז איינער וואס איז רגיל צו זאגן תחנון, דער רמב"ן ברענגט א הלכה נאך תפילה, איינער וואס זאגט תחנון מאכט פלוס, און ער האט פארגעסן, ער קען נישט חוזר זיין. ער קען נישט חוזר זיין צו דאווענען, ער קען נישט חוזר זיין לעבודה. נישט ער מוז, ער קען נישט זאגן אז ער דארף חוזר זיין על העבודה.

לכאורה די זעלבע זאך, הגם אז טוב ומטיב איז נישט מדאורייתא, אבער ער האלט אז ס'איז אזויווי רגילות. דאס הייסט, ביי אים הייסט עס א חלק פון בענטשן. ס'קען נאר צוריקגיין צו נחם.

דער ראב"ד וואלט מודה געווען אז ווען מ'האט שוין אינגאנצן געענדיגט. ער זאגט, ווי לאנג מ'האלט נאך אינמיטן דאווענען הייסט עס נאך. הייסט דער ראב"ד אזוי... לכאורה, לויט דעם חשבון, דער ראב"ד זאגט אז ביז מ'ענדיגט, ווארעוועור איז ענדיגן, ס'איז דא וואס זאגן נאך יהי רצון, ביז נאך יהי רצון. ער טייטשט אז ער האט געזאגט אז דאס איז נאך די בקשות צורכי.

לויט די זעלבע סייכל וואס דער ראב"ד זאגט, אז ווי לאנג ער האט נישט אינגאנצן געענדיגט, דארף ער נאר צוריקגיין צו **"תחלת בונה ירושלים"**.

---

**הלכה ב' (המשך): דיני ראש חודש, חול המועד, חנוכה ופורים**

**דער רמב"ם'ס לשון**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער, בראשי חדשים, וואס קענסטו נישט זאגן "רצה והחליצנו"?

## Speaker 2:

אזוי זאגט טאקע דער ראב"ד, וואס איז דאס דאך על המזל?

## Speaker 1:

מ'קוקט אין די אחרוני הפוסקים וועלן מיר זען אז ס'איז נישט אזוי סימפל.

**ראש חודש — אן חתימה**

זאגט ער דאך ראש חודש. איך זאג דיר, ראש חודש איז אנדערש. ראש חודש, אויב האט ער זיך דערמאנט פאר ברכה רביעית, זאגט ער **"ברוך שנתן ראשי חדשים לעמו ישראל לזכרון"**, אבער ער זאגט נישט "ברוך אתה ה'", ער האט נישט קיין חתימה, אזוי ווי ביי שבת און יום טוב, **"ומתחיל ברכה רביעית וגומר"**.

**דיסקוסיע: פארוואס איז ראש חודש אנדערש?**

פארוואס? וואס איז אנדערש ראש חודש? פארוואס קומט נישט אין ראש חודש קיין חתימה?

## Speaker 2:

נאר ביי מוסף זאגט מען דאך די עקסטערע ברכה.

## Speaker 1:

נו, וואס איז שלעכט? פארוואס זאגט מען נישט אין ראש חודש "מקדש ישראל וראשי חדשים", אזוי ווי מ'טוט ביי מוסף? נו, נו, וואס איז אנדערש ראש חודש ווי שבת?

## Speaker 2:

מ'קען אים אפשר אויך זאגן, ווייל יום טוב מוז מען עסן, אבער ראש חודש מוז מען נישט עסן.

## Speaker 1:

אה, גוט. איז דאך א חילוק. פשט, ראש חודש איז אסור בתענית, אבער נישט פאסטן און עסן איז אן אנדערע זאך. וויאזוי איז דאס שייך פונקטליך?

## Speaker 2:

יא, אבער... אה, מ'קען עסן א קלייניגקייט, מ'קען עסן פירות, דאס הייסט, ס'איז נישט קיין קביעות סעודה.

## Speaker 1:

אקעי, ווייטער.

**ראש חודש, חול המועד, חנוכה ופורים — מ'דארף נישט חוזר זיין**

דאס זענען די דינים פון ראש חודש. ווייטער, **"ואם לא נזכר עד שהתחיל ברכה רביעית, גומרה"**, און מ'דארף נישט צוריק אנהייבן בענטשן פון אנהייב ראש חודש. **"וכן בחולו של מועד ובחנוכה ופורים"**.

ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל דאס איז שבת און יום טוב מוז מען עסן, איז פשט אז שבת האט שבת פאר זיך א ברכת המזון, און די מטבע שטבעו חכמים זאגט אז יעדע תפילה פון שבת דארף זיין מיט די הוספות פון די חכמים. ממילא, היינט די שבת'דיגע בענטשן האט אין זיך א הוספה.

מה שאין כן ראש חודש, איינער זאגט א חיוב פאר א מענטש צו וואשן זיך? אפילו מענטשן וואשן זיך, לאמיר זאגן, אבער ס'איז נישט פשט אז די היינטיגע מטבע שטבעו חכמים פון בענטשן קומט מיט א ברכת המזון, וואס לאו דווקא היינט איז דא א ברכת המזון. ס'איז אינטערעסאנט, דאס איז די מסקנא.

**"וכן בחולו של מועד ובחנוכה ופורים"**, טעג וואס ס'איז נישט דא קיין חיוב עסן.

**דיסקוסיע: פורים — א קשיא**

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל פורים וואלט איך געקענט זאגן אז ס'איז דאך דא א חיוב משתה ושמחה. וואס קען זיין א חיוב משתה ושמחה אפשר קלאר נישט קיין פס.

## Speaker 2:

רייט, אזוי לכאורה דארף מען אויסשטעלן די חשבון דא.

## Speaker 1:

שכרות איז אן ענין חוזר.

## Speaker 2:

וואס?

## Speaker 1:

יא, לכאורה אזוי קומט אויס דער חשבון דא.

## Speaker 2:

לכאורה מוז מען טראכטן אזוי, יא.

## Speaker 1:

איין ענין חוזר, אזוי שטייט, יא.

## Speaker 2:

דער רמ"א זאגט אז מען קען זיך מייחד זיין, ווייל...

## Speaker 1:

פורים איז דא אנדערע סיבות.

**Speaker 2:**

פורים איז דא אנדערע סיבות. דער רמ"א האט נישט געזאגט וועגן א שיכור. שיכור, א שיכור מיט...

**הלכה ב' (סוף): שיכור און בענטשן**

**Speaker 1:** ס'איז א צייט, ווייל פורים וואלט איך געקענט זאגן די חיוב משתה ושמחה. אפשר משתה ושמחה קלאפט נישט קיין פת. רייט, אזוי לכאורה דארף מען אויסקומען אז א שיכור דארף נישט זיין חוזר. וואס? לכאורה אזוי קומט אויס די חשבון דא. איך מיין מ'טראכט אזוי, יא.

**Speaker 2:** איינער חוזר, אזוי שטייט.

**Speaker 1:** יא, דער רמ"א זאגט אז מ'קען צולייגן די חשבון. פורים איז דא אן אנדערע סיבה. דער רמ"א האט נישט געזאגט וועגן א שיכור.

**Speaker 2:** א שיכור מעג בענטשן.

**Speaker 1:** יא, אזוי שטייט, דער זוהר האט א שמועס וועגן דעם פארוואס א שיכור מעג בענטשן, פארוואס ער מעג בענטשן אויף וויין. אבער ביי תפילה האט ער אונז געזאגט.

**Speaker 2:** סאו איך זאג פורים, ער איז מסתמא נישט שייך, ווייל אויסער דעם איז נישט קיין שמחה.

**Speaker 1:** איך פארשטיי, א שיכור איז נישט קיין תפילה, אבער בענטשן...

**Speaker 2:** יא, איך פארשטיי דעם. ווייל דאס איז דאך די סדר, דער דין איז אז מ'בענטשט שיכור. דער זוהר האט א לאנגע שיינע שמועס וועגן דעם פארוואס א שיכור מעג בענטשן.

**Speaker 1:** יא, אבער דער פאקט איז זיכער אז ער מעג. נישט קיין ספק וועגן דעם.

**פראקטישע נקודה: בענטשן אויף פורים**

**Speaker 1:** אקעי, סאו ער דארף, אויב פורים דארף מען זאגן אז מ'דארף אים צו בענטשן, דאוועגען איז מותר אים שיכור, אבער בענטשן דארף מען עניוועיס. רייט. ס'איז א גוטע געלעגנהייט, ווייל דעמאלטס קען מען מוסיף זיין דרשות.

**Speaker 2:** אה, זייער גוט.

**Speaker 1:** ניין, די דרשות איז מ'מוסיף אויף על אלה.

**Speaker 2:** איך האב געלערנט יעצט אז ברכת המזון איז ווי א גאנצע שמונה עשרה. ס'איז דא בקשה, שבח, ס'איז דא כמעט אלעס.

**Speaker 1:** זייער גוט. אויב מ'איז שיכור קען מען מאכן ביי ברכת המזון א לאנגע דרשה.

**הלכה ג': פארגעסן צו בענטשן — חוזר ומברך כל זמן שלא נתעכל**

**Speaker 1:** אקעי, יעצט, נישט ער האט פארגעסן, ער האט געמאכט א טעות, רייט? ער האט פארגעסן צו בענטשן.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** ער האט נישט פארגעסן צו עסן, אזוויי די מלמדים פלעגן זאגן. צו עסן האט ער נישט פארגעסן.

**Speaker 2:** אהה.

**דער דין: כל זמן שלא נתעכל המזון במעיו**

**Speaker 1:** איז עס אזוי, **אם נזכר קודם שיתעכל המזון במעיו,** ס'הייסט, די עסן ווערט צוויי מאל געגעסן. ס'ווערט איינמאל געגעסן אין די מויל, און ס'ווערט נאכאמאל געגעסן אין די בויך.

**Speaker 2:** יא, שיתעכל המזון במעיו.

**Speaker 1:** אזוי ווי ס'איז דא דא ציינער, איז אויך דא אינעווייניג ציינער.

**Speaker 2:** יא, די סיסטעם.

**Speaker 1:** אבער די ווארט איז אז ס'איז כדי עיכול. **חוזר ומברך.**

**ר' מני — מסופק צי ער האט געבענטשט**

**Speaker 1: וכיון דאמרינן ר' מני ולא ידע,** נישט נאר ער האט פארגעסן, ער ווייסט נישט, ער איז מסופק, צו ער האט געבענטשט צו נישט, ער געדענקט נישט, **"בירכתי או לא בירכתי", חוזר ומברך.** ווייל ס'איז נישט שיתעכל המזון במעיו, ווייל דעמאלטס האט ער נישט געפילט רעבון. רייט, אבער אזוי ווי די רעבון איז דא, דארף מען מאכן, ווייזט אויס אז מ'איז מחויב צו בענטשן כל זמן מ'איז זאט. אבער דאס אייניקל קען עס שוין נישט, עס איז געענדיגט.

**עד כאן הלכות ברכות.**

**דיגרעסיע: "שכוח באשעפער" — פשוט'ע אידישע דאנקבארקייט**

**Speaker 2:** איך האב געהערט אז איינער האט געזאגט אז ער וויל נישט זאגן "שכוח באשעפער" ווייל ער האט געגעסן. ער זאגט, עס איז שווער צו נישט אויסצופלאקערן, עס איז שווער צו נישט אויסצופלאקערן.

**Speaker 1:** אה, דו זאגסט אז... אקעי, דאס איז אבער די נקודה פון...

**פארטיידיגונג פון "שכוח באשעפער"**

**Speaker 1:** מ'דארף זייער שטארק אין סטייל יודן זאלן אריינזאגן "שכוח באשעפער". ס'איז קלאר אז ווען א מענטש האלט אינמיטן עסן און ער עסט א גוטע זאך, ער זאגט "אוי, שכוח באשעפער", ס'איז קלאר אז ס'איז א גוטע זאך. ווייל יעצט מאכט ער ברכת המזון, דאס איז שוין אן עבודה דרבנן. סא ער האלט זיך איין, ער ברענט זיך אן אהבה צו די אייבערשטער, ווארט צו ביז ער וועט זאגן ברכת המזון.

**Speaker 2:** איך זאל אים נישט זאגן שכוח? ס'מאכט נישט קיין סענס. לאז, לאז אים. זיי נישט אזוי עליטיסט. נישט יעדער מענטש איז געמאכט צו טראכטן וועגן פלוטינוס און וועגן איך ווייס נישט וואס.

**Speaker 1:** וואס, שכוח מיינט איך געב דיר כח? שכוח באשעפער! ער איז א פשוט'ער איד, ער דערמאנט א גאנצע צייט די אייבערשטער, ער עסט זיך די אינער פון די האבער. שכוח רעדט אויף אידיש, ער זאגט דיר א דאנק.

**"יישר כח" און השם המושאל**

**Speaker 2:** אה, יישר כח איז א פראבלעם ווייל די אייבערשטער דארף נישט קיין כח.

**Speaker 1:** אבער ס'איז אזוי געווארן אזא השם המושאל פאר דאנק. ניין, מיר מעגן נוצן א דאנק.

**פארוואס חז"ל האבן געמאכט נוסח הברכות**

**Speaker 1:** זיי זאגן דאך, ווען מ'רעדט צו די אייבערשטער, מעגן מיר געדענקען אז די אייבערשטער איז נישט דיין פרענד. ניין, נישט קיין לשון אילג. פאר דעם האבן חז"ל געמאכט נוסח הברכות, ווייל מענטשן וועלן זאגן "טענק יו השם" אדער "שכוח באשעפער".

**Speaker 2:** דו זאגסט אז מ'זאל זאגן "טענק יו השם"? פקח עיניך ותראה, ס'איז א זאך מער ביוטיפול "טענק יו השם". קוק ארײַן.

**Speaker 1:** קומען די מענטשן און דרייען צוריק די רעדל. לאָ, אבער דאס...

**Speaker 2:** נא, יא, שוין.

---

**עד כאן הלכות ברכת המזון פרק ב'.**